# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור.

נומער 4 (העפט 147)     דרייצנטער יארגאנג     אַפּריל 1952 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

## אינהאלט


א קרבן־פסח באַלאַדע; ביים ערשטן צוזאַמענטרעף מיט די דייטשן; צום 19־טן אַפּריל 1952 ........ ** 1

אַ סדר אָונט אין מאַדריד ........ גדליה שטוצינער 4

מיין קינדס א בריוו (לידער) ........ רקודה פּאָטאַש 6

געדענק (מיין טאַטנס צוואה. פּאָעמע) ........ אברהם פנחס ציקערט 7

די סעם כהנ׳ס פּאַרלאָזן ס׳קינאָ (דערציילונג) ........ ביטרים בעקערמאַן 9

ערב־פּרילינג־לידער ........ א. נ. שטענצל 16

„משה זוך מיך" ........ משה עובד 20

משה, פון מיקל אַנדזשעלאָ (בילד) ........ 20

אים צי גראָד (אַ פּרילינג און פסח באַלאַדע) ........ רחל דון־יחיא 24

בלעטלעך פון מיין שאַנכייער טאָגבוך ........ י. ראַפּאַפּאָרט 27

צום יאָרצייט פון די קדושים פון וואַרשעווער געטאָ (ליד) ........ י. ל. פיין 31

צום טויט פון ס. פּאַלמע ........ יוסף הלל לעווי 33

ביים קבר פון מיין פריינט ס. פּאַלמע ע״ה ........ שמואל ווהייט 37

איך האָב אַ טאָכטער ........ י. ח. קלינגער 38

די שרייבער גרופּע „יונג ישראל" ........ אפרים טויבענהויז 40

אַ סך־הכל פון אַ קאָנצערט (אַ ביסל זעלבסט־קריטיק) ........ אליהו פאלושאַק 42

„שלשה עשר מי יודע" ........ ש. 45

לאָנדאָנער קולטור ידיעות ........ 47

מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת נאָכמיטאָגס ........ 48


**פרייז 1 שילינג און 6 פּענס**

**אבאָנעמענט־פּרייז: —19/6 פאר אַ יאָר**

**אין אויסלאַנד: —5 דאָלאַר אַ יאָר**


*By Appointment, Dealer in Antiques to H.M. Queen Mary*

CAMEO CORNER

ALMANAC OF JEWELS

exhibited monthly in the main window

| | |
|---|---|
| *January* | *Renaissance Jewellery.* |
| *February* | *Boxes.* |
| *March* | *Sculpture by Mosheh Oved.* |
| *April* | *Jewels by Sah* |
| *May* | *Stuart Jewellery.* |
| *June* | *Children's Jewellery.* |
| *July* | *Cameos and Intaglios.* |
| *August* | *Georgian and Victorian Jewellery.* |
| *September* | *Antique Jewish Ornaments.* |
| *October* | *Oriental Jewellery.* |
| *November* | *Precious and semi-precious Stones.* |
| *December* | *Devotional Jewels and Christmas Presents.* |

**26 MUSEUM STREET, LONDON, W.C.1**

*Museum 0401*

CLOSED ALL DAY SATURDAYS

LEYTON KNITWEAR CO. LTD.

*MANUFACTURERS OF KNITTED GOODS & SPORTSWEAR*

**IMPORT - - EXPORT**

**518 Lea Bridge Road - Leyton, London, E.10**

Telephone: STAmford Hill 2338

IDEAL TRIMMINGS LTD.

**Manufacturers of Shoulder Pads and Fancy Goods**

*Prompt Deliveries*

**118-120 CLAPTON COMMON, LONDON, E.5**


*Published and Edited by* A. N. STENCL, *17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Sreet, London, E.1*

## אלוועלטלעכער יידישער קולטור-קאנגרעס רופט צו פייערן
## דעם 9-טן יארטאג פון העלדישן געטא-אויפשטאנד אין ווארשע

ווידער דערנענטערט זיך די דאַטע פון 19־טן אַפּריל — דער יאָרצייט פון אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ.

עס איז די הייליקע פליכט פון אונזער דור צו זאָרגן דערפאַר, אַז די דאָזיקע לעגענדע זאָל נאָך אין אונזער צייט געהייליקט ווערן דורך אַן איינהייטלעכן נאַציאָנאַלן טרויער־טאָג, אַרום וועלכן עס זאָלן זיך פאַראייניקן אַלע אַן אויסנאַם שיכטן און קרייזן פון יידישן פאָלק. עס איז אונזער הייליקע פליכט איבערצו־געבן די דאָזיקע לעגענדע צו אונזערע קינדער. עס איז אונזער הייליקע פליכט צו פאַרקריצן אויף אייביק אינם האַרצן און אין געדעכעניש פון אונזער פאָלס די הייליקע דאַטע פון 19־טן אַפּריל, אַזוי ווי עס איז פריער פאַרקריצט געוואָרן אינם מאַרך און אין דער נשמה פון דעם יידישן פאָלק דער העלדישער טאָט פון די מכבייער.

די געטאָ־קאַמפן געהערן צו די הערלעכסטע און העראָאישסטע קאַפּיטלען אין דער טויזנט־יאָריקער יידישער געשיכטע. די געטאָ־קעמפער האָבן גרויס געמאַכט און געווירדיקט דעם נאָמען און דעם כבוד פון דעם יידישן פאָלק.

הייליק מוז זיין פאַר אונז זייער אָנדענק! הייליק זאָל ווערן זייער נאָמען! גערערט זאָל ווערן זייער העלדישקייט אין יעדן ווינקל פון דער וועלט, וו עס געפינט זיך נאָר אַ יידישער ישוב!

מיט פריינטשאַפט,

ש. ניגער, פאַרזיצער פון וועלט־ראַט
ה. לייוויק, פאַרזיצער פון עקזעקוטיוו
י. פאַט, פאַרזיצער פון אדמ. קאָמיטעט
ל. שפּיזמאַן, פאַרוו. פון פרעסע־אָפּט
ח. בעז, פאַרוואַלטער פון שול־צענטע
פ. שווארץ, עקזעקוטיוו־סעקרעטאַר

---

## פריינט פון יידיש לשון
## ווארשעווער געטא-אויפשטאנד פייערונג

זונטיק, דעם 20־טן אַפּריל, 5 אַזייגער, אין אַרבעטער רינג, 22 עלי סטריט

**קומט אפגעבן כבוד די קדושים!**

---

אונזער **טיפן טרויער** צום טויט פונם דיכטער **ס. פאלמע**, וועלכער איז נאָך שווערע ליידן אוועק פון אונז — **כבוד זיין אנדענק.**

פאַר דער רעדאַקציע „לשון און לעבן" און קאָמיטעט „פריינט פון יידיש לשון"

**א. נ. שטענצל.**

---

אונזער טיפן טרויער צו אונדזער פריינט דעם שריפטשטעלער און פאָעט **ס. פאלמע.** זאָל זיין נאָמען נישט פאַרגעסן ווערן.

לעאָן לאָקער, טש. פרידמאַן און לייזער אלמאַן.

---


# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור.

נומער 4 (העפט 147) דרייצנטער יאָרגאַנג אַפּריל 1952 לאָנדאָן


## א קרבן-פסח באלאדע

1

יעטווידער צווייטער מאַן אין ירושלים
אַן אָנגעלאָדענער רוימישער סאָלדאַט;
יעדער ייד, דעם בליק אין דר'ערד איינגעשטאָכן,
ליינט פון ספר דניאל אַרויס — דעם „פרט".

ווער טראַכט נאָך פון כלי זיין, פון שאַרפן שווערדן,
אַז אַ מעסער טאָר מען נישט האָבן צומאָל;
אונטערן שווערן קנאַפּל פון די סאָלדאַטן,
קרעכצט ירושלים פאַרקראָכן אינם טאָל.

קלאָגן די שאַקאַלן אין די טונקעלע נעכט,
אָדער מענטשן פאַרמוטשעטע אין אַ הייל?
עס וועט נישט בלייבן פון דער שטאָט קיין זכר שוין,
וועט עס אַזוי אָנהאַלטן בלויז נאָך אַ ווייל.

און אויפן הר־הבית די פעטע כהנים,
ווי די סריסים זיי דרייען זיך אַרום — —
מיט די לאַנגע נעגל פון זייערע פינגער,
ווערגן זיי די קרבנות וואַרקנדיק שטום —
— — — — — — — — — — —

דער טרויער ווען דער חג־האביב געקומען,
און דעם קרבן פסח אַרויף מ'האָט געברענגט!
נישט פון געבונדענעם געקוילטן שעפּסל,
ס'אייגענע בלוט אויפן מזבח מ'האָט געשפּרענגט.

מיט די כלים דאָס בלוט פלינק אונטערצוכאַפּן,
באַלייבטע כהנים געשטאַנען שוין גרייט.
אָבער געשאָכטן עס האָבן די סאָלדאַטן — —
געוויין באַגלייט לוים־פּיקל און פּלייט.

אַרום שעפּס געבראָטנס שפּעטער די משפּחות,
ווי אבלים גלייך געזעסן זיינען זיי,
יוצא צו זיין, קוים אכזית געגעסן,
דעם הלל ווי קינות געמורמלט דאַביי:

„הא לחמא עניא די אכלא אבהתנא" —
קנעכט זיינען מיר געווען און געבליבן קנעכט!
אונזערע העלדזער וועט עס באַלד איבערשניידן,
דאָס מעסער וואָס אונזערע קרבנות שעכט.

— — — — — — — — — —

נישט קיין קשיות מער ס'האָט קיינער געטון פרעגן,
און נישט קיין תירוץ געענטפערט ס'האָט ווער.
די ביטערע קרייטעכצער נאָר איינגעטונקען,
ס'האָט יעדער אין אַ פּריש געפאַלענער טרער.

2

זיינען געקומען עולי רגל פון גליל,
און ווי אַ באַראַן גלייך גייט איינער בראש;
זיינען זייערע שעפּסן אַזוי פעט און דיק,
אָדער איז עס פון רייכן וואָל דער צעפּלאָש?

ווי זיי זינגען, ווי זיי קלאַפּן אין די פּויקן,
און צום טאַקט מעקן די שעפּסן מיט זיי מיט:
„הרים רקדו כאלים גבעות כבני צאן",
נישט זיי גייען — טאַנצנדיק אין זייער שריט!

ביים געבראָטנס בלייבן זיצן די זקנים,
אָבער ס'יונגוואַרג לויפט אויפן באַרג מיט אַרויף;
און שוין איז צעהילעכט גאַנץ ירושלים,
מיט געזאַנג: „הודו לד' כי טוב" — — —

אַזויפיל שעפּסן, און אַזעלכע פעטע,
עס באַלעקט זיך דער כהן און דער סאָלדאָט!
אָבער איידער זיי רירן זיך צום קרבן,
מקוים איז שוין דער דניאלשער „פּרס" —

— — — — — — — — — —



פון די וואָלן באַוואַקסענע לעמער רוקנס,
גלייך פון שיידן ציען זיך מעסערס אַרויס;
אין איין כהרף עין, ס'טוט זיך אַ צובליץ —
און פון רוימישן יאָך באַפרייט ס'איז גאָטס הויז.

נישט שעפּסן — סאָלדאָטן ליגן געשאָכטענע!
ווי שאָף מעקען די כהנים מיט געברום:
אינם וואָל האָבן זיי די מעסערס באַהאַלטן,
איז עס דאָך אַן עול און פּסול ווי אַ מום.

האָט ווי דער באַראַן אין דער שפּיץ פון דער סטאַדע,
געשטעלט זיך דער וואָס געשטאַנען איז בראש;
גלייך הערנער האָבן זיך זיינע לאָקן געדרייט,
און די באָרד ווייס זיך געגעבן אַ צעפּלאָש:

אַז אַ קרבן באַקומט אַ מום נעמט מען אַ צווייטס,
אַז דער חצר ווערט טמא מאַכט מען אים ריין,
אָבער אַז אַ פאָלק ברעכט צוזאַם אונטערן עול,
איז טמא שוין חלילה כביכול אַליין — —

— — — — — — — — — —

און נאָך איידער ער געענדיקט האָט זיינע רייד,
האָט דאָס גאַנצע פאָלק שוין געשריגן אמן,
צומאָל אַרום שעפּס געבראָטנס די זקנים,
הללדיק אַרויפגעאיכצט אינמיטן געוויין.

## „ביים ערשטן צוזאמען טרעף מיט די דייטשן"

„מען האָט זיך נישט געגעבן די הענט, נאָר זיך באַנוגנט מיט אַ שאָקל טאָן מיטן קאָפּ אַלס באַגריסונג".

(פון אַ צייטונג נאַכריכט).

נישט איר, אייערע הענט צו די דייטשן —
זיי האָבן זיי'רע איך נישט געוואָלט געבן;
צו אַזעלכע פאַרשווינדלעך ווי איר זענט,
וואָס קאָנען אַזוינס, אַזוי שנעל פאַרגעבן . . .

און אין זייער אָפּשאָקל־באַגריסונג,
אין דעם דיפּלאָמאַטישן קאָפּ־באַוועגן,
וויפיל באַהאַלטענער שפּאָט און עקל — —
וואָס אַלץ איז אין דעם שאָקל נישט געלעגן!

## צום 19־טן אַפּריל 1952

נישט די געקוילעטע, די פֿאַרגאַזטע פֿאַרקוילטע,
נישט זיי איצט אין טאָג פֿון דערמאָנונג באַוויינען,
טויטע זיי זיינען, לעבעדיק באַגראָבענע,
אונזער שאַנד נישט הערן זיי קענען, נישט לייענען —
אַ, אויב וועם צו באַקלאָגן, נישט זיי, די קדושים,
מיר, די געבליבענע, צו באַווינען זיינען.

ווי די הינט מיר גריזשען די ביינער פֿון די טויטע,
מיר ראַיען אין זייערע געדערים ווי ראַבן,
דורך זיבן זיפּן זייערע קופּעס אַש מיר זיפּן,
צו באַמיסטיקן ס׳שטיקל ערד וואָס מיר האָבן —
אַ, דערפֿאַר עס, אפֿשר, געקריגן, צו האָבן ווו,
פֿאַר שאַנד לעבעדיקערהייט זיך צו באַגראָבן.

נישט די קדושים איצט באַקלאָגן, און באַווינען,
און נישט די רוצחים, די מערדער אָנקלאָגן,
איידער צו באַשולדיקן, אָדער צו משפּטן,
איז צו זיך אַליין אַ שנאה אַצינד טראָגן — —
אַ, און ווען דער טאָג פֿון דער נקמה וועט קומען,
פֿון וועם זי צו נעמען, ווער וועט קאָנען זאָגן.

---

### גדליה שטוצינער

## אַ סדר אוונט אין מאַדריד

אומעטום בכל תפוצות ישראל דערציילט מען מעשיות וועגן אליהו הנביא וואָס גייט ווי אַ בעטלער פֿאַרשטעלט זינט יאָרן איבער דער וועלט. מ׳דערציילט אויך וועגן די אנוסים, ווי זיי האָבן געפּייערט פּסח אין שפּאַניע און פּאָרטוגאַל אונטער דער שרעק פֿון דער אינקוויזיציע.

אַן אינטערעסאַנטע געשיכטע האָב איך געהערט אין מיינע יוגנט יאָרן אין פּלונסק, פּוילן. ס׳איז אַ געשיכטע וואָס האָט פּאַסירט אין סוף פֿון 17־טן יאָרהונדערט.

עס האָט דאָן געלעבט דער באַוווסטער יידישער דאָקטאָר אהרן גאָרדאָן, און אַזוי ווי די טירן פֿון די אוניווערזיטעטן אין פּוילן און ליטע זיינען דעמאָלט פֿאַרמאַכט געווען פֿאַר יידן, האָט גאָרדאָן געמוזט אין אָנפֿאַנג פֿון דער צווייטער העלפֿט פֿון 17־טן יאָרהונדערט פֿאָרן שטודירן מעדיצין אין איטאַליע, אין פּאַדוא.

שפּעטער, נאָך זיין צוריקקומען פֿון איטאַליע האָט אים דער פּוילישער קעניג איינגעלאָדן אַלס לייבדאָקטאָר און האָט באַפֿרייט גאָרדאָנען און זיינע נאָכ־



פֿאָלגער פֿון שטייער. ער האָט זיי אויך געגעבן די פּריווילעגיע צו וווינען אין ווילנע אויף די גאַסן, אויף וועלכע עס איז געווען יידן פֿאַרבאָטן צו וווינען.

ווען גאָרדאָן האָט געענדיקט זיין שטודיום אין פּאַדוער אוניווערזיטעט און איז געפֿאָרן צוריק אין זיין היימאַט, איז מיט דער שיף געשען אַ קאַטאַסטראָפֿע, איז דער יונגער גאָרדאָן געבליבן אָן שום מיטלען אין שפּאַניע, ווו עס איז געווען פֿאַרבאָטן אַ יידן אַריינצופֿאָרן.

גאָרדאָן איז געווען אייניקע טעג אין אַ שפּאַנישער שטאָדט און קיינער האָט נישט געוווּסט אַז ער איז אַ ייד. אָבער ער איז געווען זייער פֿאַרצווייפֿלט און נישט געוווּסט וואָס אָנצוהייבן צו טאָן.

צום גליק איז אים געקומען אויפֿן געדאַנק אַז אין שפּאַניען געפֿינען זיך די מאַראַנען, ד.ה. אנוסים וואָס האָבן לפֿנים אָנגענומען קריסטענטום און זענען אין געהיים געבליבן יידן. אָבער ווי קומט מען צו זיי? דען זיי האַלטן פּסח זייער געהיים, דאָס הייסט בסוד סודות, ווייל אַז מען זאָל דערפֿאַרן קומט דערפֿאַר טויט־שטראָף. דעם יונגן גאָרדאָן איז איינגעפֿאַלן גיין אויפֿן מאַרק, ווו מען פֿאַרקויפֿט גרינסן, און זען, אפֿשר וועט ווער קויפֿן אַזעלכע גרינסן וואָס געהערן צום פּסח־סדר.

אויף איינמאָל זעט ער פֿאָרט אונטער אַ קאַרעטע און עס גייט אַרויס אַ שרה און הייסט זיין לאַקיי קויפֿן גרינסן. גאָרדאָן האָט אויפֿגעפּאַסט ווו די קאַרעטע איז צוריקגעפֿאָרן. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ וווּנדערבאַרן פּאַלאַץ, פֿון וועלכן עס זענען אַרויסגעלאָפֿן אַנטקעגן מערערע דינער. גאָרדאָן איז צוגעגאַנגען און האָט געבעטן מעלדן דעם שרה אַז ער בעט דערלויבעניש אים זיך פֿאַרצושטעלן. קומענדיק צו אים האָט גאָרדאָן געזאָגט:

— איך וועל זיך דיר ענטדעקן בתנאי אַז דו זאָלסט מיר זיך אויך ענטדעקן. איך בין אַ ייד, און דו ביזט דאָך אויך אַ ייד. היינט איז דאָך דער סדר. דערלויב מיר צו זיין ביי דיר.

דער שרה האָט אייניקע מאָל געשריען אויף גאָרדאָנען און האָט אָפּגעלייקנט אַז ער איז אַ ייד. אָבער גאָרדאָן האָט נישט אויפֿגעהערט און ער האָט זיך געשוווירן אַז ער וועט קיין מענטשן נישט אויסזאָגן דעם סוד. צום סוף האָט דער שרה אויף אים רחמנות געהאַט און האָט דערקלערט אַז ער איז באמת פֿון די אנוסים און האָט איינגעלאַדן גאָרדאָנען צום סדר.

ביינאַכט זענען זיי אַריינגעגאַנגען אין אַן אונטערערדישע וווינונג ווו עס זענען געווען איינגעריכטעט פּראַכטפֿולע צימערן און דאָרט פֿלעגן זיי יעדעס יאָר פּייערן פּסח. דער טיש איז געווען יום־טוב׳דיק געדעקט ווי עס געהערט צום סדר. ביים סדר־טיש זענען געזעסן דער שרה מיט זיין פֿרוי און נאָר זיין עלטסטער זון, ווייל די אינגערע קינדער האָט ער נישט געוואָגט צו אַנטדעקן אַזאַ ריזיקאַלישע געהיימניס.

גאָרדאָן איז דאָרט געבליבן דעם גאַנצן פּסח, און אַ מאָנאַט נאָך פּסח, און נאָכדעם האָט אים דער שרה אויפֿגעזעצט אויף אַ שיף און אים אָפּגעשיקט אַהיים.

## רקודה פאטאש

# מיין קינדס א בריוו

א.

דער בריוו
האט ווייסע
ווייסע פליגל ;
כ'שליס די טיר
אויפ'ן ריגל —
אַ בורשטין־פלעמל
לייכט אין שפיגל —

ס'טויכט פון ווייטקייטן דאס וויגל,
אַ ווייסער פלעמל
לייכט אין שפיגל —

אַ קלאָרע בענקעניש
קומט שטיל צוגיין
און בליקט אין טיר
צו מיר אַריין —

און ס'פלאַטערט
אינם צימער
דעם בריווס אַ ווייסער פליגל —
אַ בורשטין־פלעמל
ציטערט אינם שפיגל — —

## די האנטשריפט פון מיין קינד

ב.

די שריפט
אַ געמאלטער
אינקונאבל —

אַ מיניאַטורן פינזל
אַן אַדלער מיט אַ בלויען שנאבל —

אַ גענפער לאַנדשאַפט
מיט לילא און ווייסן בעז !
מיט קערשן בלעטער —

טויזנט קילאָמעטער —
ציפערן און צאָלן.

זי האט דעם בריוו
מיט ליבשאַפט אויסגעמאלן — —

## די נאכט

ג.

די נאַכט
האָט זיך אַ קישעלע
פון וואָלקנדלעך געמאַכט —
און צוגעבעט
האָט זי איר בעט
מיט דריי גרויסע
גרויסע, שטעט :

מיט חיפה,
מיט תל־אביב
מיט ירושלים

און אָנגעטאָן
אויף איר קאָפּ
אַ לבנה'קע אבאיע* — —

---

*אבאיע — אַ מזרח סוך אַ ווייסע.



## אברהם פנחס ציקערט

# געדענק !

(מיין טאַטנס צוואה)

1

כ'האָב נאָך אַלץ ניט דערגרייכט ביז צום תהום
זעט אויס, אַז נאָך טיפער דער פאַל איז
הענגט מיין טאַטע טויט, אויף אַ בוים
איינגעהילט אין שוואַרץ־ווייסן טלית.
שטיי איך אין טאָל פונם חורבן
און הער, צו אַ יאָמער געשריי :
— מיר זענען דאָך נאָך ניט געשטאָרבן
— געדענק אונז אַ דור כאַטש, צי צוויי !
פון טאַטנס אויגן שלאָגט שרעק
כ'זע מיט די ציינער נאָך קריצט ער :
„ניט אמת אַז כ'בין שוין אַוועק
„איך לעב נאָך ! — מיר לעבן נאָך איצטער !
„מיר זיינען דאָס דור וואָס געשטאָרבן
„איז ניט מיט אַ טויט אַ נאָרמאַלן
„ס'האָט געעפנט זיך תהום פונם חורבן
„און מיר זיינען צום אָפּגרונט געפאַלן !״
צעקרומט מיין טאַטנס מויל איז
מיט ציינער פאַרקריצטע אין וויי ;
ס'גייט אויף אַ געיאָמער פון קולות :
„געדענק אונז אַ דור כאַטש, צי צוויי״.
אויף טאַטנס גוף דער טלית
זעט אויס ווי אַ קרומער געלענק,
הענט, פאַרפלאָכטן ווי חלות
שיקן אַ רוף מיר : געדענק !

2

אַוועק פון מיין גוף שוין דער שלאָף איז
ס'ליכט אינם אויג — צאַנקט נאָך קוים
זע איך מתים וואָס מאַכן הקפות
אַרום איינעם, וואָס הענגט אויף אַ בוים
און איינער שוין שיכור זיך וואַקלט
און זאָגט אַ רבנישן חידוש :
„אויב אויף בלוט ברויך מען מאַכן אַ שהכל
„נו, איז עס דאָך כשר לקידוש !״
ער הויבט אויף אַן ערדענעם קרוג
און ס'שטרעקן זיך הענט אַזוי פיל

שרייט ער: „ס׳איז פֿאַר אַלע געִנוג
„פֿאַראַנען וויפֿל מען וויל!“
ער גיסט אין די בעכער און גיסט
און שרייט דערביי מיט כונה:
„טרינקט יידן! ס׳קאָסט גאָרניט, אומזיסט
„ס׳איז מלכות גערמאַניאַ׳ס מתנה!“
. . . ס׳ליכט אינם אויג צאַנקט נאָך קוים
דער לעצטער שטראַל ווערט פֿאַרטיליקט
און ס׳וויגט זיך דער מת אויפֿן בוים
און דער תלית רעדט ווערטער: „אַ חילוק? . . .
דער בלוט מאַרק ווערט שטיל, נאָך שטילער . . .
ווי אין גסיסה פֿלאַמט אויף פֿונדאַסניי
יעדעס מאָל די צעווייטיקטע תפֿילה:
„געדענק אונז אַ דור כאַטש, צי צוויי“.

## 3

פֿאַרטאָג אויף צעבראָכענע טרעפּ
שפּאַנט אַפּקלאַנג פֿון לעצטע געשפּענסטער —
אַן עדה פֿון טויזנטער קעפּ
לאָכט קרום אַריין אין מיין פֿענצטער
דער שיכור, פֿון רבנישן חידוש
מיט אַ ניגון פֿאַרקנוילט אין געוויין
זאָגט איצט עפּעס ענלעכס צו קידוש
און ס׳ענטפֿערט די עדה: אמן.
איך קוק, כ׳זע אַ קינדישן קעפּל
אַנגעגאָסן מיט וויין — ווי אַ קרוג
די אויגן — פֿאַרגלייזטע ווייס־אַפּל
זיינען מסכים: „ס׳איז דאַכט זיך גענוג“.
און איינער אין טלית און תפֿילין
נעמט זאָגן מיט הילכיקן רעש:
„בורא, אויב דאָס איז דיין ווילן
„הנני העני ממעש“.
די עדה אַרום אים נעמט ברומען
אַ תפֿלה וואָס מיר איז זי פֿרעמד
איך הער בלויז: „מיר זיינען געקומען
„ווייל מיר ווילן ניט בלייבן פֿאַרשעמט!“
איך הער ווי די תפֿילה צעפֿלאַמט
אין אַ מורא׳דיק יאָמער־געשריי:
„זאָלסט זיין מיט זכרון פֿאַר׳סמ׳ט
„געדענק אונז אַ דור כאַטש, צי צוויי!



ביטריס בעקערמאַן

## „די סעם כהנס פֿאַרלאָזן ס׳קינאָ“

אין אַ געוויסער נאַכט, איז דער פּראָגראַם פֿון קינאָ, אין דער לאָנדאָנער איסט־ענד, געוואָרן איבערגעריסן פֿון אַ „מעסעדזש“, וואָס האָט אַ בליץ געטון אויף דער לייוונט: „אויב מר. סעם כהן געפֿינט זיך אין קינאָ, זאָל ער אַזוי גוט זיין און גיין אַהיים זאָפֿאָרט“.

בלי ספק, דער וואָס האָט מחבר געווען דעם דאָזיקן טעקסט פֿון דעם „מעסעדזש“ איז געווען אַ פֿאַלנע אָפּטימיסט, אָדער אַ האַלבער משוגענער (איז בכלל אַ גרויסער חילוק צווישן זיי?), ווייל, אין ווייטשעפּל, סעם כהן איז נישט קיין יחיד; אַפֿילו נישט קיין מנין מענטשן, נאָר פּשוט אַן עולם. פֿון דער דאָזיקער מאַסע זענען געווען אַנוועזנד אין קינאָ 3 פֿאַרשוינען, וואָס האָבן געלייענט די מיטטיילונג אין יענער נאַכט.

און, פֿון די דריי, האָט, איינם מח פֿון סעם כהן, דעם עסנוואַרג־סוחר, די מעסעדזש געמאַכט אַזאַ טראַוואָגע, אַז די טשאָקאָלאַד, וואָס ער האָט אָקאָרשט צובייסן אין צווייען, האָט באַקומען אַ טעם פֿון זויערטייג אין זיין מויל. בשעת די אַנדערע העלפֿט, וואָס ער האָט געהאַלטן אין זיין קליינער פֿעטער האַנט, איז אַראָפּגעפֿאַלן אויף דער פּאָדלאָגע, צווישן די רבילעך (אַשאַנטי־ניסלעך) און פּאָמעראַנצן־שאָלעכץ, וואָס זענען געלעגן אויסגעשפּרייט ווי אַ טעפּיך אונטער זיינע פֿיס.

„סעם כהן פֿון ווייטשעפּל“ האָט ער געשעפּטשעט. „דאָס מיינט מען דאָך מיך! איך מוז תיכף גיין“.

זיינע פֿיס האָבן אָנגעהויבן שטאַרק ציטערן, און זיין צונג איז געוואָרן פּלוצלינג טרוקן. דערנאָך איז אים אַדורך אַ שטראַל פֿון האָפֿענונג.

„מעגלעך, אַז דער מעסעדזש איז בכלל נישט פֿאַר מיר“, האָט ער געטראַכט. „אָ! ס׳קען גאָרנישט זיין פֿאַר מיר! אפֿשר איז ער פֿאַרן שניידער, וואָס וווינט אין גרינפֿילד רויד. דאָס איז דאָך אין ווייטשעפּל. פֿונדעסטוועגן וועל איך גיין! אפֿשר ברענט אין שניידערס הויז! כ׳האָב אים געזען אַריינקומען. נעבעך. קען זיין זיין ווייב און קינדער ווערן פֿאַרברענט אינם פֿייער. ער איז קיינמאָל נישט געווען קיין גוטער שניידער. אַ תל האָט ער דאָך געמאַכט פֿון מיין לעצטן אַנצוג! מער גיי איך נישט צו אים. אָבער דאָך, איך וועל ליבערשט גיין אַהיים. כ׳גיי שוין. רבונו של עולם! ס׳קען זיין עפּעס שרעקלעכעס!“

סעם כהן האָט זיך געשווינד אויפֿגעהויבן פֿון זיין אָרט און אַרויס אין גאַס. אָבער, אויף סעם כהן, דעם שניידער, וועמען דער עסנוואַרג־סוחר האָט אַזוי באַדויערט, האָט די מיטטיילונג געמאַכט אַ גאַנץ אַנדערן רושם, לכתחילה.

„וואָס פֿאַר אַ פֿיינער אַריינפֿיר צו אַ מיסטעריעזן פֿילם!“ האָט ער זיך שטיל צעלאַכט. „היינטיקע ציַיטן איז נישט פֿאַראַנען קיין זאַך וואָס זיי וועלן נישט טון פֿאַר סענזאַציע. אַבסאָלוט גאָרנישט צוליב סענ־זאַ— . . .“

דאַן האָט זיך זיין מויל צעעפֿנט ברייט, און זיינע אויגן זיך געשפּאַנט.

„סעם כהן” האָט ער געברומט. „ווייטשעפּל, קען דאָס מיינען — מיך ?”

ער האָט פֿאַרלאָזט זיין פּלאַץ, האָט זיך אַרומגעקוקט, און זיך צוריקגעזעצט. בינו־לבינו האָט מען געוויזן אַן אַנדערן פֿילם. „סיבה און עפֿעקט” האָט ער געלייענט. „אַ נייער ערשטקלאַסיקער פֿילם פֿונם לעבן פֿון דער העכערער געזעלשאַפֿט”.

אפֿנים דער מעסעדזש איז דאָך געווען אַן עכטער ! ער האָט פּייכט געמאַכט זיינע ליפּן, וואָס האָבן אים געברענט. זיין ברוסט און זיינע שלייפֿן האָבן געקלאַפּט ווי אַ מאָטאָר. „כ׳וועל איצט גיין” האָט ער צו זיך געזאָגט, „כ׳וועל גיין”.

אָבער, אויפֿשטייענדיק אַזוי, איז אים אַ געדאַנק געבליצט דורכן קאָפּ. „כהן ? כהן איז דאָך אַ געוויינלעכער נאָמען. סעם, דער עסנוואַרג הענדלער, למשל. אָט האָב איך אים דאָך געזען זיצן נעבן מיר, ווען עס איז געוואָרן ליכטיק. יאָ ! ס׳מוז זיין פֿאַר זיינעטוועגן. כ׳וואָלט וועלן וויסן פֿאַרוואָס מ׳האָט אים גערופֿן !” סעם, דער שניידער, האָט איצט כמעט זיך אַליין איבערציינגט אַז דער מעסעדזש האָט נאָר געקענט זיין פֿאַר דעם עסנוואַרג סוחר.

„קיינמאָל נישט געקענט פֿאַרטראָגן דעם פֿאַרשוין”, האָט ער זיך געטראַכט, ווי ער איז צו צו דער טיר. „בנאמנות, כ׳ווייסט נישט פֿאַרוואָס מיין ווייב גיט אים צו לייזן, אַ מענטש וואָס נאַרט אָפּ מיט געוויכט, און פּאַקט אַריין די קונים אַלט עסנוואַרג. תמיד האָב איך עפּעס געהאַט אַ ווייך האַרץ פֿאַר כהנ׳ען, דעם אַלטן בראָדניאַזש. כ׳מוז געדענקן איר צו זאָגן אַז זי זאָל שוין איינקויפֿן ערגעץ אַנדערשוואו. אַגומלט, האָט ער זיך דאָך געמאַכט אַן אַנצוג ביי מאַרקסן. מידה כנגד מידה, זאָג איך. יאָ, כ׳וועל מיך איינשפּאָרן, דאָס מאָל. אָ ! כ׳וואָלט שוין וועלן זיין אינדערהיים” האָט ער צו זיך געדעדט.

דער דריטער סעם כהן, דער הויזן־פּרעסער, האָט אין תחילת געלייענט דעם מעסעדזש אַביסל אומגלויבלעך ; איבערלייענענדיק עס אַ צווייט מאָל, אָבער, איז אים ערשט קלאָר געוואָרן די באַדייטונג פֿאַר אים, אַזוי אַז דער שוויס איז אים אַזש אַראָפּגערינען דער חוט השדרה אין קאַלטע ווערן, בשעת זיינע אַרעמס זיינען געוואָרן ווי געליימט און מאַכטלאָז.

„הייסט עס אַז זי האָט עפּעס אַ מעשה אָנגעטון, און איצט רופֿן זיי מיך”, האָט ער שטיל צו זיך געזאָגט.

„סעם”, האָט זיך געדוכט ווי יעדער וואָלט איבערגעחזרט. „סעם”, האָט זיך אים געברומט אין אויער ווי דאָס קול פֿון אַ המון וואָלט אים אָנגעקלאָגט, טייטלנדיק מיט די פֿינגער אויף אים. ער האָט זיך איינגעקורטשעט אין זיין זיץ־פּלאַץ, און מיט די פֿויסטן אַרומגענומען די קאַלטע אייזנשטיקער הינטער אים, צו האַלטן זיך ביי די כחות. פֿון דער לייוונט אַראָפּ האָט זיך געהערט די גריל־צנדיקע שטימע, זינגנדיק „איך האָב ליב מיין טייערע”.

„אָ, פֿאַרמאַך דיין מויל ! האָט סעם כהן געוואָלט זאָגן, אָבער, פֿון די ווערטער האָט זיך קיין קול נישט דערהערט. ער האָט זיך אויפֿגעהויבן פֿון זיין אָרט. ער האָט זיך פֿאַרטשעפּעט אין אויסגעשטרעקטע פֿיס, אין דער טונקלקייט. ער



האָט זיך אָנגעשטויסן אין אַ דיקער נקבה וועלכע האָט געהאַלטן אַ שאַכטל טשאָקאָלאַדע אין איר שויס. זי האָט געשאָלטן ווען ס׳נאַשוואַרג האָט זיך צעוואָרפֿן איבער דער פּאָדלאָגע.

„קענט איר נישט קוקן ווו איר גייט, מיסטער ? אומגעשיקטע חיה ! ענטשולדיקט זיך אָפּילו נישט. פֿאַרדאַמטע יידן. מיינען אַז זיי זענען די בעלי־בתים”.

„אָ, גייט צום טייוול”, האָט ער געענטפֿערט. „גייט איר צום טייוול”.

ער האָט געשפּרייזט איבערן באַטעפּיכטן קאָרידאָר, און די רייען פֿון גרויע פּנימער אויף יעדער זייט פֿון אים, גלאַנצנדיק מיט ווייט־געעפֿנטע אויגן אין דער ריכטונג פֿון דער לייוונט, זענען אים פֿאַרבייגעפֿלויגן ווי עפּעס אַ שרעקלעכער חלום. ער איז האַסטיק אַרויס אין גאַס, פֿאַרביי פֿאַר די גלימערנדיקע ליכטער, איבער די לאַנגע רייען פֿון מענטשן, איבער די געוועלבער, די בילדלעך, לויפֿנדיק, לויפֿנדיק, ביז דער שוויס האָט זיך אים געגאָסן פֿון זיין פּנים, שווער סאָפּענדיק מיט אַן אָפֿן, טרוקן מויל.

„וואָס אַשטייגער האָט זי דאָס געקענט טון ?” האָט ער כסדר איבערגעחזרט צו זיך מיט פּחד. וואָס האָט זי נאָר געקענט טון ?”

• • •

פֿאַרוואָס איז ער דען אייגנטלעך היינט געגאַנגען אין קינאָ ?

ווען, פֿריער, אין דעם אָוונט, אידער ער איז געגאַנגען אין קינאָ, ער איז אַהיימגעקומען, האָט דאָס קינד געוויינט. ס׳קינד האָט תמיד געוויינט. יוליע, זיין פֿרוי, נאָך אַ שיינע, אָבער דיקער ווערנדיק נישט אויף די ריכטיקע ערטער, האָט אים פֿאַרכמורעט דערלאַנגט זיין נאַכטעסן, וואָס איז באַשטאַנען פֿונם געוויינלעכן אומבאַטעמטן, שלעכט־געקאָכטן עסן. און, ווען ער האָט זיך דעריבער באַקלאָגט, האָט זי בלויז געהויבן די פּלייצע, און לאַקאָניש געזאָגט „אַז מ׳לייגט נישט אַריין אין טאָפּ, נעמט מען נישט אַרויס”.

„וואָס אַ שטייגער מיינסטו דערמיט ?” האָט סעם געפֿרעגט, זיין קול אַביסל נערוועז.

„ווען דו וועסט מיר געבן מער געלט צו פֿירן ס׳הויז, וועל איך אויטאָמאַטיש ווערן אַ בעסערע קעכין !” האָט זי אים אָפּגעענטפֿערט, מיט אויגן, גרייט צו אַ שלאַכט.

פֿאַרענדיק זיך ביים גאַז־אויוון, האָט זי געוואַרעמט אַביסל מילך פֿאַר די בייבי אין אַ בלויע ענאַמל טעפּל, וואָס איז געווען אָפּגעקלאַפּט אין דער זייט.

„מרס. גאַלינסקי האָט שוין אַ נייעם פּעלץ־מאַנטל”, האָט זי דרך־אַגבֿ דערמאַנט, ווען זי האָט אַראָפּגענומען די מילך פֿונם אויוון, איינגיסנדיק עס אין אַ פֿלעשל.

„דאָס וועט זי האַלטן וואַרעם”, האָט סעם געזאָגט טרוקן, בעת ער האָט זיך גענומען נאָך אַ שטיקל ברויט.

„מרס. גאַלינסקי האָט מיר געזאָגט אז איר מאַן קויפֿט זיך אַן אויטאָמאָביל קומענדיקן חודש”.

„נו“, האָט ער געענטפערט, „וואָס גייט אונז אָן די משא־מתנס פון די גאַלינסקיס? זיי האָבן מזל, צו קענען מאַכן אַזעלכע הוצאות“.

„מזל!“ האָט זי אַ שטשורקע געטון. „מזל! לאָז דיר זאָגן, סעם“, בשעת זי האָט געשטופּט ס׳פּלעשל אינם קינדס מיילעכל, וועלכעס, אויפהערנדיק צו וויינען, האָט זי אָנגעקוקט צוערשט פאַרבליפט, און דאַן געטרונקן האַסטיק, „לאָז דיר זאָגן, אַז עס נישט מזל; ס׳איז דער רעזולטאַט פון שווערע אַרבעט. דזשעק גאַלינסקי פּרובירט אַלצדינג, דערפאַר טאַקע איז ער מצליח“.

„שטותים“, האָט ער געזאָגט, בעת ער האָט אָוועקגערוקט ס׳פּעפערמעסטל פונם טעלער, און אָנגעהויבן לייענען די אָונט־צייטונג. „דו מאַכסט מיך צום ברעכן! תמיד, טענות און פּרעטענציעס, אַז ס׳ווערט איינעם נמאס ס׳לעבן. גיב איך מיר נישט דער מי? דו ווייסט גאַנץ גוט אַז ס׳פאַך איז איצט אין דער אדמה . . .“

„איצט! שטענדיק הייסט עס: איצט. כ׳געדענק נישט די צייט ווען דו ביזט אַמאָל געווען ביזי. פאַרוואָס קען איך נישט גיין אָנגעטון ווי די אַנדערע פרויען? דזשעק אַליין האָט געזאָגט אַז ווען איך וואָלט זיך שיין געקליידט, וואָלט איך געווען . . .“

„וואָס הער איך?“ האָט סעם פאַמעלעך אָנידערגעלייגט די צייטונג. „וואָס האָסטו דאָס געזאָגט?“

אין דער אונטערשטער דירה האָט עמיצער געשפּילט אָן אויסגעריבענע גראַמאָפאָן־רעקאָרדס, „אַ בריוועלע דער מאַמע“. ער האָט עס שוין געהערט נישט איינמאָל. ס׳איז אים תמיד געגאַנגען אויף די נערוון. איצט האָט אים דער טרויעריקער, קלאָגעדיקער ניגון, נאָך מער דערנערווירט.

„וואָס האָסטו געזאָגט?“ האָט ער איבערגעחזרט.

יוליעס פּנים האָט באַקומען אַ פאַרכמורעטן אויסדרוק. זי האָט זיך געפאַרעט מיטן קינד, אָפּווישנדיק אים די מילך פונם מיילעכל.

„נו, גוט, אַז דו ווילסט דווקא וויסן“, האָט זי ענדלעך אַ זאָג געטאָן, „ער האָט געזאָגט אַז איך וואָלט אויסגעקוקט שיין אין אָרנטלעכע קליידער“.

„אַזוי האָט ער טאַקע געזאָגט, האַ?“ האָט ער אויסגעשריגן, מיט אַ טאָן וואָס האָט נישט פאַראויסגעזאָגט קיין גוטס.

„יאָ, דאָס האָט ער געזאָגט“, האָט זי קריגעריש אַ שליידער צוריק געטון, „און איך קען דיר זאָגן אַז דו קאַרגסט מיר און די בייבי בכדי נאָכצוגעבן דיינע עגאָאיסטישע קאַפּריזן“.

ער האָט געלאַכט, נישט גלויבנדיק זיינע אויערן. „איך? עגאָאיסטישע קאַפּריזן? נישט אַנדערש, נאָר ביסט אַראָפּ פון זינען. ווייסטו דען נישט אַליין, יוליע“, און זיין שטימע האָט באַקומען אַ ווייכערן טאָן, „אַז ס׳איז נישטאָ קיין זאַך וואָס כ׳וואָלט נישט געטון פאַר דיינעטוועגן“.

„נישט אַ קיין זאַך זאָגסטו; נו, אויב אַזוי, טאָ הער אויף צו קויפן די אַלע אומנוצלעכע אַנטיקן — דו גיסט אויס גענוג געלט פאַר זיי — גיב אויס אַביסל געלט פאַר מיר, פאַר אַ „טשענדזש“.



ער איז צו צום פענסטער און אַראָפּגעקוקט אין דער גאַס אונטן. ס׳איז געווען פינסטער און קאַלאַמוטנע. עטלעכע גאַסן־לעמפּ האָבן געוואָרפן אַ טוכלע ליכט אינם חושכדיקן פעברואַר נעפּל. אַ מאַן שטופּנדיק אַ וועגעלע מיט געבראָטענע קאַשטאַניען, האָט זיך אַרויסגעקוקט די אויגן אויף אַ קונה, אָבער די פאַרביי־גייער האָבן בלויז געשמייכלט צופרידענע צום גליענדיקן פייער. אַ קאַץ איז פּלוצלינג אַרויסגעשפּרונגען פון אַ טויער, געיאָגט פון אַן אַנדערע קאַץ, וואָס האָט זיך געוואָרפן אויף איר, זי געדראַפּעט און געביסן, און דאָס קאַצניאַמער האָט נאָך מער געלעכערט די אויערן ווי דער פּרוּוו פון אַ נייעם תלמיד, וואָס לערנט זיך אויף אַן „ע“־בויגן פון אַ פידל.

ס׳געקוויטשעריי האָט אים צוריקגעבראַכט צו דער רעאַליטעט. יוליע האָט אויפגערוימט ס׳געשיר. זי האָט אַריינגעהאַנגען די אויערן פון די טיי־טעפּלעך אין די האַקנס פונם קיך־שענקעל מיט אַזאַ אימפּעט, אַז איינס האָט זיך צעבראָכן אין איר האַנט. ס׳האָט נישט מער געפעלט ווי אָט די קלייניקייט בכדי זי אַריינצוברענגען אין אַ רוגזה און זיך צולאָזן אויף איר שטייגער. זי האָט זיך צעוויינט — צוערשט שטילערהייט — און דאַן, זעענדיק אַז עס האָט נישט קיין פּעולה אויף אים, העכער און העכער, ביז ס׳קינד, וואָס האָט געזויגן דעם גראָבן פינגער פונם פיסל, האָט אָנגעהויבן מיטוויינען, אויס סימפּאַטיע.

סעם האָט מיט זיינע הענט נערוועז דורכגעקעמט זיין דיקע, געקרייזלטע האָר. דאָס איז געווען שרעקלעך. ער האָט האַסטיק אַריבערגעשפּרייזט איבער דער לענג פון דער שטוב צו זיין שייבנשענקל, וואָס איז געווען פול מיט פאַרשידענע אַנטיקלעך, וואָס האָט אים גענומען יאָרן צוזאַמענצוקלייבן. צווישן זיי האָט זיך געפונען אַ קליין מאַלפּעלע פון בייל־שטיין, וואָס איז געזעסן אַביסל איינזאַם קעגנאיבער אַ קרוג באַמאָלן מיט פיגורן, אַ קענדל פון אַ יאַקאָבינישער פאָרם, און אַ קליינע גאָלד־און־זילבער מנורה, וואָס ער האָט באַקומען בירושה נאָך פון זיין זיידן, דעם פּינסקער רב. ער האָט זיך אַריינגעקוקט אין די אַנטיקלעך, מיט ליבשאַפט, אַ לאַנגע צייט. דערנעבן איז געשטאַנען זיין קליינע ביבליאָטעק, וואָס האָט געהאַלטן אַ קענטלעך שטאַרק באַנוצטן בוך פון ברוינינג. ער האָט עס געעפנט אויף דער זייטל פון „פּראָספּיס“, וועלכעס ער האָט איבערגעלייענט צוויי מאָל. דאָס האָט אים געבראַכט אין אַ בעסערער שטימונג.

„אָט אַזוי, פאַרבטל דיין צייט מיטן לייענען ס׳דאָזיקע נוצלאָזע געשרייבעכץ — פּ־פּאָעזיע“, האָט זי געזאָגט מיט אַ ביטולדיקן טאָן. „דער חורבן מיט דיר, סעם, איז וואָס דו ביזט נאָך אַ יינגל“.

ער האָט דאָס בוך אַנידערגעוואָרפן אַ מידער. „געלויבט־צו־גאָט פאַר דעם“, האָט ער געמורמלט, אויף וואָס זי האָט אָנגעהויבן שלוכצן נאָך שטאַרקער.

ער האָט, מיט כונה, געעפנט דאָס שייבשענקל און אַרויסגענומען אַ שטיינערנע מאַלפּעלע און ס׳מנורהלע. יוליע האָט אויף אים געגלאָצט אומגלויבלעך, בעת ער האָט אָנגעהויבן זיי איינצוּוויקלען אין ברוין פּאַפּיר.

„וואָס גייסטו מאַכן מיט זיי?“ האָט זי אַ פרעג געטאָן, פאַרגעסנדיק דערווייל די טרערן, וועלכע זענען איר אַראָפּגערונען פון אירע באַקן.

„כ׳גיי אין די גאס“, האט ער צו איר געזאגט, זיך אנטוענדיק דעם הוט, וועלכן ער האט גענומען פון דער אפגעבלאקעוועטער קאנאפע.

יוליע איז צוגעגאנגען צו אים א צעטראגענע.

„וואס גייסטו דאס טאן מיט זיי, פרעג איך?“ האט זי איבערגעחזרט.

„איך גיי זיי פארקויפן האט ע ר געענטפערט, קוקנדיק אויף די ליידיקע פלעצער אינם שייבנשענקל, בשעת מעשה. מענדאזא וועט מיר געבן א גוטן פרייז פאר זיי. כ׳וועל דיר קויפן א פעלץ־מאנטל דערפאר — און — און —“

און ער איז ארויס אין גאס.

אונטערן גאז־ליכט אין מענדאזאס געוועלבל, האבן די אויגן פונם שטיי־נערנעם מאלפעלע אויסגעקוקט ווי זיי וואלטן פריילעך געשיקלט אין מענדא־זא׳ס דארע האנט. סעם כהן האט אויף זיי געגלאצט מיט הוילער באוואונדערונג.

„ס׳מאלפעלע איז ווערט צוויי פונט“, האט מענדאזא געזאגט, „אבער איך בין גרייט דיר צו געבן דריי. וואס שייך די מנורה“, האט ער געפליסטערט פארטרוילעך, „מעגלעך דאס זי איז עפעס ווערטפול, לאמיר זאגן 5 פונט“.

סעם האט געקוקט א שטייגער ער גלויבט נישט זיינע אייגענע אויערן.

„דריי פונט — פינף פונט?“ האט ער געזאגט. „ענטוועדער איך בין א בלינדער שוטה, אדער איר זענט. האט מיר א גוטע נאכט“.

סעם האט א כאפ געטאן ס׳מאלפעלע און די מנורה פון דער טאשעוואניע, און איז געשווינד ארויס פונם געוועלב.

„לאמיר זאגן, אומישנע,“ האט ער זיך געטראכט, „אז די דאזיקע חפצים זענען באמת ווערטלאז — אן אנדערע אילוזיע פארשוואונדן. כ׳געטרוי מיר ניט זיי צו פארקויפן“.

ער האט אנגעהויבן שפאצירן צו דער וויטשעפל גאס צו, קוקנדיק מוט־לאז אין די העל־באלויכטענע געשעפטן, אויף דער אויסשטאפירונג פון די לוק־סעריעזע פעלץ־מענטלעך אין די שויבן־פענסטער. ער האט זיך הויך צולאכט. „סיבה און עפעקט“, האט ער צו זיך געזאגט. „ווייל גאלינסקיס ווייב טראגט די פוטערלעך פון הונדערט קליינע חיהלעך אויף אירע ברייטע, אומגעלומפערטע פלייצעס, האב איך געפרווט פארקויפן די מנורה. וואס איך האב באקומען בירושה פון מיין זיידן, און דאס שטיינערנע מאלפעלע, מיט וועלכן איך האב זיך געצאצקעט יארן־לאנג.

ער האט ווייטער שפאצירט ביז ער האט דערזען א גרויסן פלאקאט, וואס האט ענטהאלטן, אין פלאמנדיקן רויט, די ווערטער: „סיבה און עפעקט“, אויף דער וואנט פונם ריוואלי קינא. ער איז קוים געווען אין קינא א האלבע שעה, ווען ער האט געלייענט דעם מעסעדזש, וואס האט אים א יאג געטאן צוריק אהיים.

„וואס האט זי געקענט טאן“, האט ער געהאלטן אין איין איבערחזרן. „וואס האט זי נאר געקענט אפטאן?“

און ווען ער האט דערגרייכט די אויבערשטע טרעפ פון זיין דירה, האט ער קוים געקענט דעכן, ווייל זיין אטעם איז אים אויסגעגאנגען.



„איך האף כ׳בין נאך געקומען באצייטנס! איך האף — —“ האט ער זיך געבראכן די הענט.

די סצענע איז געווען א קאמישע. דער פלאץ האט אויסגעקוקט ווי אפגע־ליידיקט פון מענטשן. נישט קיין צייכן פון גרופקעלעך מענטשן פליסטערנדיק איינער צום אנדערן אויף די שטיגן, אזוי ווי ס׳איז געווען אינם טאג ווען גאלדע לעווי איז געשטארבן. ס׳איז געלעגן אויסגעשפרייט עפעס א אומהיימלעכע שטילקייט.

ענדלעך האט ער דערגרייכט צו דער טיר. ווו עס האט געשיינט א ליכט אינם שפאלט אונטן. ער האט זיך אווארף געטאן אנטקעגן דער טיר, און איז ארייגעפלאצט אינעווייניק.

„וואס!“ האט ער אומגלויבלעך אויסגערופן. „וואס!“

יוליע איז זיך געזעסן רואיק ביים אויוון, לייענענדיק א בוך. זי האט אים אנגעקוקט ווי קיינמאל גארנישט, בעת ער איז אריין אין שטוב.

„וואס איז דער מער, סעמי?“ האט זי געזאגט, אויפהויבנדיק איר האנט צו פארשטיקן א געניץ. „דו זעסט אויס אשטייגער וואלסט געזען א נישט־גוטן!“

ער האט זיך אנידערגעזעצט א דערמוטשעטער אויף דער קאנאפע.

„כ׳האב געמיינט“, האט ער קוים דערכאפט דעם אטעם, „כ׳האב גע־מיינט“ . . .“ און איז באלד פארשטומט געווארן.

„אודאי“, האט ער געזאגט צו זיך, „איך האב מיך געקענט משער זיין, אז זי האט דאך נישט געקענט וויסן, אז איך בין געווען אין קינא. פארוואס איז מיר דאס נישט פריער איינגעפאלן?“

יוליע האט פארטגעזעצט לייענען ס׳בוך.

„איך האב זיך מיישב געווען, טייערער סעמי“, האט זי דאן געזאגט פלוצ־לינג אויפהויבנדיק אירע אויגן פונם בוך, „אז דאס שייבנשענקל זעט אויס אביסל ליידיק אן דער מאלפע. האסט עס דאך אודאי צוריקגעבראכט, א־יא?“

ער האט געשמייכלט. „וואס לייענסטו, יוליע?“ האט ער געפרעגט.

„ס׳איז א פאעמע, מיטן טיטול פראספים, פון ברוינונג“.

• • •

ווען סעם כהן, דער עסנוארג־הענדלער, איז אהיים געגאנגען אין יענער נאכט, איז דארט געווען ס׳אמת׳ע גערודער, א גרויסער המון פון נייגעריקע, זיין ווייב היסטעריש, די קינדער אלע בייגאנד האבן געשריגן, בשעת שטאל־באהעלמטע פייערלייט האבן געאיילט פון איין ארט צום אנדערן.

אבער אם ערגסטן האט אפגעשניטן סעם כהן, דער שניידער, ער קומט אהיימצולויפן אינמיטן פיינעם שטיק וואס האט זיך אזוי „עקסייטעד“ אנגע־הויבן און אין שטוב איז פונקט אזוי שטיל ווי פארן אוועקגיין און דאס ווייב שטייט ביים טיש און מאכט געפילטע פיש. דער נערוועזער שניידער ווערט נאך נערוועזער און רעדט צו זיך: „משוגע מאכט זי מיך, משוגע מאכט זי מיך...“ כאטש ער ווייסט גאנץ גוט, אז נישט אים האט מען גערופן. זי אבער קען דאך אים גוט, איר שפיוזער, קוקט זי אים גוטמוטיק אן און דרייט מיטן קאפ.

א. נ. שטענצל

## ערב פרילינג לידער

### קראָקאָס

אַז די זון דערזען האָט דעם קראָקאָס אונטערן בוים,
איז זי אַ פאַרוואונדערטע שטיינגעבליבן,
און ווי אין אומגלויבלעכן זיך צו איבערצייגן,
דאָס פאַרראָפּעטע אויג אירס קלאָר אויסגעריבן —

מיט אייגעלעך אויפגעריסן, אַ פאַרלוירן קינד,
פון ווינט און פון רעגן געיאָגט און געטריבן,
אין עס דאָ אונטער ברייט־ביַיניקן רוקן פונם בוים,
אַ בלייך איבערשראָקנס לעבן געבליבן — — —

אָבער ווי נאָר מיינע אויגן די זון האָט דערזען,
אונטער אַ כמאַרע צוריק זיך פאַרקליבן:
אַ שרעק ס'נעמט אַרום אויף דער ערד אַראָפּצובליקן,
אַז טרויער קאָן אַן אויג אַזוי פאַרטריבן.

### ביים שניידן די ביימער

עס קלעטערן די גערטנער אַרויף אויף די ביימער,
עס בלישטשען אין לופט זייערע גלאַנציקע שערלעך,
ווי די פייגלעך זיי טשוויטשערן לוסטיק פריילעך:
אַ צווייג מער, אַ צווייג ווייניקער — נישט געפערלעך!

און וויפיל נישט צעפיקן זיי זאָלן די זריעה,
די גנבלעך, די הונגעריקע שפערלעך,
וועט אַלץ בלייבן גענוג שפע פאַר יענע גערטנער,
וועלכע זייען אויס אין שוויס ערלעך און שווערלעך.

אָבער ווי אַזוי נאָך אויף ווייטער זיך פאַרפלאַנצן,
אַז אויסגעריסן מ'איז מיט די וואָרצל־הערלעך?
אַז אַ פרי פאַרעפּושט איז און פאַרשימלט שוין,
נאָך וואָס פאַרזייען נאָך אירע פוילע קערלעך?

### צו אַ דעמב. . .

וועט ער זיך דען נישט צעוואַקסן דער דעמב,
מיט די זעלבע בלעטלעך ווי פאַר יאָר,
און שטיין ער וועט יוסט און צעשפּרייט און פעסט
פרילינגדיק נישט געמינערט אַ האָר;



און אינם אויפגעריסענעם לאָך אין זייט,
כאָוועץ ער וועט גאָר טויבן אַ פּאָר.

דער שוואַרצער מרה שחורהניק, דער ריז,
ערשט פון אַ לעבן וויסן אַצינד,
דאָס געוואָרקע אין די לבנה נעכט —
לייבהאָפטיק נ'געצוויג וויגט זיך אַ קינד;

אין פון זיין וווּנד מיט יעדן זון אויפגיי,
פלאַטערט אויף דער פרישער פרילינג ווינט.

### אין שלאַנק ביימל

(באַלאַדע)

אין שלאַנק ביימל, אַ צעקנאָספּעטס,
און דער גאַנצער הויף, ענג און גרוי,
צעוואָקסט זיך דערהויבן אַרויף,
אַ גאָטיש געשטרעקטער געבוי.

דער אָפענער פאַרשפּיצטער אויבן,
קוים אַ שפּאַן די ברייט ער וועט זיין,
דורך טיף־בלוי באַמאָלן פענסטער,
קוקט שטילקייט לבנהיש אַריין.

צווישן קאַרניזן, פאַרשפּיצטע,
אַ וואָרקנדיק פּאָרל פאַרשטיינט;
קילע טוכלעקייט יאָגט קאַלט אָן,
אין קעלער שטוב ווו אַ קינד וויינט.

צינדט זיך אַ ליכט אין בוידעם שויב,
איז עס פאַר אַ מאַדאָנע־בילד —
אינם פענסטער־רעם אויבן אַ פרוי
אויסגעצערט און פאַרצערט און מילד —
— — — — — — — — — —

איבער אַ ווינקל געבויגן,
שטיל סודותדיק דאָס ביימל שטייט,
בלעטלעך מישן זיך, ס'שעפּטשעט,
ווען ערגעץ־ווו די זון אויפגייט.

## אַ בליִענדיקער בוים

(פֿאַר דיר, מערץ 23)

דאָס לופֿטיקע אַרום בליִענדיקן בוים,
גלייך אַליין מען וואָלט פֿלוצלינג פֿליגל געקריגן;
און אינם האַרצן אַ פֿלאַטער, אַ צעזינגטער,
מיט לאַנג שוין פֿאַרגעסן־נאַגנדיקן ניגון.

איז דאָס געזאַנג דען פֿונם פֿויגל אויפֿן צווייג?
אינם האַרצן טוקן זיך זון־גאָלדענע וועלן!
עס איז יעדעס צעבליטע צעווייגטע צווייגל,
אַ פֿלייט, וואָס פֿילט די לופֿט אָן מיט די זיסטע טרעלן.

פֿאַרוואָס ווײַנט אַזוי דאָס פֿײגעלע אויפֿן בוים

פֿאַרוואָס ווײַנט עס אַזוי דאָס פֿייגעלע אויפֿן בוים,
פֿאַרוואָס ווײַנט עס אַזוי דאָס האַרץ צוצערייסן?
איז דאָך דער גאַנצער אַרום צעקנאָספּעט און צעבליט!
איז עס זײַן קאַפּריז אַלעמען אויף צעפּלייסן?

אַז אַלע יאָר ס׳זעלבע בליען, אַ האָר ס׳זאָל פֿעלן;
אין לילאַ דער בעז, דער עפּל־בוים אין ווייסן — —
און פֿון פֿאַרליבטן טויבן־פּאָר דאָס זעלבע וואָרקען.
און צו מאָל צום הימל זײַן פֿליגל פֿאַררייסן —

— — — — — — — — — —

אויף דאָרניק שפּיציקן שטעכיקן צווײַגל

דראָטן געפֿלאָכטן, געהעמערט, געשמידט,
גראַניט און צעמענט און שטאָלן און אײַזן,
און מיט טויזנט רעדער, יעדע רגע,
ציִען זיך ענגער די פֿאַרכשופֿטע קרײַזן.

אָבער זע פֿון נעץ, געפֿלאָכטענעם,
שטאָט פֿליט אַרויס אַ פֿויגל פֿון אַ שטייגל,
און זי ברעכט אויף אַ קנאָספּנדיקע רויז,
אויף דאָרנדיק שפּיציקן שטעכיקן צווײַגל.

און פֿון מיר און דיר, פֿון אַלע אַרום,
עס איז דער כּשוף ווי אַראָפּגענומען,
אונזערע הערצער — פֿלאַטערדיק שוועלבל,
פֿון די וויסטע לענדער צוריקגעקומען.



טיף צו דער ערד. . .

נישט קיין גרויע נעפּל מער גייט אויף —
אין זײַדן שלייערן הילט זיך די ערד!
און ווער איז נישט דער באַשערטער,
צו דערזען אַזוינס, אַז ס׳איז אים באַשערט.

דער אויסגעשפּרייטער הימל אויבן —
די בלויע חופּה הויך איבערן קאָפּ!
יעדער בוים, פֿון דער חופּה דער שטאַנג,
וואַקלדיק שיט ער שוין דעם צוויט אַראָפּ.

עס צינדן הבדלות מאַגנאָליעס,
אַ קאַשטן־בוים האַלט אַ לײַכטער אין האַנט!
און פֿון יעדן פֿײַן פֿאַרקעמטן קוסט,
פֿלאַטערט אײַנגעפֿלאָכטן אָן אַנדער באַנד.

די קשאַקעס שטרעקן זיך, שטופּן זיך,
איינס איבער ס׳אַנדערע קעפּ איבער קעפּ!
און איך פֿאַרבויג מיך טיף צו דער ערד,
נאָכצוטראַגן איר דעם זײַדענעם שלעפּ.

## צו דער זון

סאָנעט

אויפֿצוהויבן כ׳שעם מיך מײַן טריבן בליק:
שטייט זון אין מײַן פֿענסטער אַ פֿאַרשעמטע,
צי אַ געמאָלענע גאָר, אָן אײַנגערעמטע,
פֿון פֿאַראַיאָרן נאָך געבליבן צוריק?

ערגעץ ווו דאָ אונטער פֿינסטערער בריק,
אַ פֿאַרפֿרוירענע, פֿון גיכט אַ געלעמטע,
בײַז פֿאַרביטערט, אַ פֿאַרזשמורעט באַברעמטע —
אַ פֿלעדער־מויז שאָקלט זיך אויף אַ שטריק!

כ׳האָב מורא מײַנע אויגן אויפֿצוהויבן,
צי קאָן איך נאָך דאָס וווּנדערלעכסטע גלויבן,
אַז אָן אויפֿגייענדיקע פֿרישע זון.

נאָך וואַרעמען וועט מײַנע מידע גלידער?
און אַז כ׳זאָל נאָך גאָר זינגען צו איר לידער?
איך האָב דאָך שוין נישט געטראַכט מער דערפֿון.

## „משה זוך מיך“

פאַריקן הערבסט קומט מיר אָן דאָס קאַרטל וואָס איז דאָ פאָטאָגראַפירט אַזוי אַז אַפילו ליטעראַרישע אפיקורסים מוזן גלייבן דערין. אויף איין זייט איז דאָס וועלט באַרימטע בילד פון מייקל אַנזשעלאָ׳ס משה, אָט ווי איר זעט עס דאָ רעפּרעזענטירט און אויף דער צווייטער זייט שרייבט אַש: (אום עס זאָל אייך




זיין לייכט צו לעזן זיין שווערן כתב־יד, שרייב איך עס אויף וויראַזשנע, אַבי עס זאָל אייך מיינע הויך געערטע זעלטענע יידישע לעזער אָנקומען לייכט!):

„אַ האַרציקן גרוס אייך פון רוים.

אויף הדריאַנס טריאומף בויגן שטייט דער ייד שמעון פון גליל און אויף טיטוס׳ חורבות בליט דער יידישער גאָט פון משיח בן דוד. וואָס ווילן מיר מער? גריסט אייער פרוי, אייער שלום אַש. (און צום צווייטן מאָל) גרוסט האַרציק אייער פרוי“.






און איצט מוז ווערן דערציילט אַ קליין ביסעלע בפּרוטרוט, ווי אַזוי איך האָב טעג און וואָכן אין לאָנדאָן און אין פּאַריז אַרומגעזוכט דאָס געשטאַלט פון אונזער משה, ער זאָל מיר געפעלן, ווייל מייקל אַנדזשעלאָס משה איז מיר פּשוט געווען דערווידער. ער זעט דאָך ענלעכער אויס ווי מוסאָליני מיט אַ געוואַלטיקע עלעגאַנטע באָרד. כ׳האָב נישט געקענט פאַרטראָגן די ביסטרע כמעט גזלנישע אימפּעראַטאָרישע אויגן. די בילדער אויף די שער בלעטער פון די חומשים און אין צאינה וראינה זענען דאָך שוין מער לייטיש, אויב זיי זענען גאָר נישט צופרידנשטעלענד. בין איך אַרומגעגאַנגען אין לאָנדאָנער קונסט מוזעאומס און אים אַרומגעזוכט, אָבער אָן רעזולטאָטן. נאָר איין זאַך בין איך געווען זיכער, אַז ווי מייקל אַנדזשעלאָ האָט משהן געשילדערט מיט זיין פאַנטאַזיע האָט ער זיכער נישט אויסגעזען.

בין איך געפאָרן אין דער גרויסער קונסט־שטאָדט פאַריז, אפשר געפינט זיך דאָרט דאָס וואָס מיין האַרץ באַגערט. איז אָבער אָן אומגליק. עס איז ביי מיר אַליין נישט געווען קלאָר ווי משה דאַרף אויסזען. און זוכן אַ מענטשן אין אַזעלכע גרויסע שטעט, אַז דו ווייסט נישט ווי ער זעט אויס, ביסטו דאָך גאָר אין דער פינסטער ערגער ווי אין מצרים. און אַזוי ווי איך דריי זיך אַרום אין דעם לאָוּוער אין פאַריז אַ צוטראָגענער, טרעפט מיך מיינס אַ פריינד, אַ ייד אַ תלמוד חכם, מיט אַ צוקנייטשטן שטערן, ווי אַ בלאַט גמרא פון אַן אלטער מסכתא און פרעגט מיך: „וואָס זוכט איר דאָ אין פאַריז?“ דערצייל איך אים אַז איך זוך דעם אמתן משה. און אַזוי ווי דער פריינד מיינס הייסט ר׳ עוזר זאָג איך״ „העלפט מיר, ר׳ עוזר, איך בין ספּעציעל געקומען און מוז אים געפינען, ווייל ס׳טרייבט מיך צו משוגעת רח״ל“. און ר׳ עוזר ענטפערט מיר מיט דער מתיקות פון אַ תלמוד חכם. ער זאָגט אַזוי פאַמעלעך די ווערטער, אַז די

נשמה גייט מיר אויס און דערציילט מיר אַן אגדה:

„עס איז פאַראַנען אַ ילקוט, אַז די כושיים האָבן אייביק געהאַלטן מלחמה מיט די ישראלים און אייביק פאַרלוירן, ווייל משה רבינו כידוע איז געווען אַ גרויסער גענעראַל, ממש אַ געניאַלער סטראַטעגיקער, אַ נאַפּאָלעאָן! האָבן די מלכים פון די כושיים אָפּגעהאַלטן אַ באַראַטונג ווי אַזוי צו פאַנגען משהן. האָבן ז״י אַרויסגעשיקט די גרעסטע העלדן זייערע. אָבער אַלע זיינען צוריקגעקומען ליידיק, ווייל ניט ווייסנדיק ווי משה זעט אויס, טאָ ווי אַזוי האָבן זיי אים געקאָנט פאַנגען? טאַקי משוגעים געווען די כושיים״ און איך לאַך זיך צו, האָבנדיק זיך אין זין „יאָ טאַקע משוגעים״. און ר׳ עוזר רעדט ווייטער. „וואָס האָבן געטון די כושיים?״ דערציילט ווייטער דער ילקוט: „זיי האָבן אַרויסגעשיקט זייערע גרעסטע מאלער, זיי זאָלן מאכן פון משהן אַ פּאָרטרעט. און אַזוי ווי זיי האָבן נישט געוווסט, ווי משה זעט אויס, האָבן אַלע מאלער אים געמאָלן פאַרשידן. און ס׳האָט גאָריט געהאָלפן זייער טרחה״.

איך זע, אַז בחינם די האָפנונג וואָס איך האָב געלייגט אויף ר׳ עוזרן, אַז נישט ער און נישט דער ילקוט האָבן מיין זוכעניש פאַרלייכטערט. פאָר איך צוריק נאָך לאָנדאָן און אים, וואָס כ׳האָב וואָגזיניק אַרומגעזוכט, נישט געפונען.

לעזנדיק אַז שלום אַש האָט לעצטנס אַ גרויס בוך מיטן נאָמען „משה״,


משה עוזר. - (עוזר ה׳)
שלום אש
1952

האָב איך געשריבן צו אַשן און זיך געבעטן, ער זאָל מיר דאָס בוך שיקן, ווייל אין לאָנדאָן איז עס נישט במציאות. איז ער אַזוי פריינטלעך און שיקט מיר זאָפאָרט זיין „משה״. איך לייען און געפין אָבער נישט מיין משה. אינטערעסאנט איז אָבער געווען די דעדיקאַציע צום בוך, וואָס האָט מיך שטאַרק געמאַכט לאַכן. וואָלט איר נישט געלאַכט? אָט האָט איר זיין דעדיקאַציע פאָטאָגראַפירט וואָרט ביי וואָרט.

און איצט בעט איך דעם לייענער, צוצולייגן אויערן און איינהערן אַ וווּנדערבאַרן נס, וואָס מען געפינט נישט, אַפילו מ׳זאָל זוכן מיט ליכט אין דער נסים׳דיקער געשיכטע אונזערע.

איך קום צוריק נאָך לאָנדאָן און הער נישט אויף אַרומזוכן מיין משה. איך שטעק אַריין אַ האַנד אין אַשופלאַד, ווו איך האַלט שוין כמה יאָרן טויזנטער אַגאַטן, דזשאַספּערס, אָניקעל, שטיינער און קאַרנילייענס. די שטיינער, מוז דאָ ווערן דערציילט, האָב איך ליב ס׳לעבן און איך שפּיל זיך מיט זיי און געפין אייביק אין זיי די שענסטעבילדער, וואָס נאָר אַ גאָט קען מאָלן. און אַזוי ווי איך הייב אויף דעם ערשטן שטיין, ווער איך נבהל ונשתומם — איך זע מיין משה! אים, וואָס איך האָב אַזוי פלייסיק אַרומגעזוכט! און נישט נאָר משהן זע איך, נאָר אויך אהרנען, וועם איך האָב גאָרנישט געזוכט, ווייל ער האָט מיך קיינמאָל נישט אַזוי שטאַרק פאַראינטערעסירט; אויך אים זע איך! משה שטייט מיט זיין גרויס ענוות, מיט די אַרבל אַרויפגעשאַרצט, פאַראַרבעט און פאַרשוויצט. אים געפעלט נאָך נישט די ערשטע פרשה פון בראשית. דערנעבן זיצט אהרן אין אַ שטריימל, שמחת תורה׳דיק, אין אַ שיכּר פון בלוט פון קרבנות און פון שטאָלץ, וואָס ער האָט אַזאַ באַרימטן ברודער, וואָס קומט צו פרעהן און להבדיל צו מלך מלכי המלאכים.



און באַטראַכט נאָר משהן, ווי איינפאַך, ווי אַ פרשה חומש מיט רש״י איבערגעזונגען אויף יידיש. נו, זאָגט אַליין, איז עס נישט פיל בעסער און אמתער געמאָלן ווי מייקל אַנדזשעלאָס סקולפּטור?

דאָ ענדיקט זיך דער נס באַשריבן טעלעגראַפיש. אין דער ווירקלעכקייט איז עס ערשט דער אָנפאַנג: אַז גאָט וועט נאָר געבן ס׳געזונט וועל איך עס באַשרייבן באריכות.

## רחל דון-יחיא

# אום-צי-גראַד

(אַ פרילינג און פסח באַלאַדע)

ווי פון מאַנדעל־בוים דער צוויט
אַ היטעלע אַ נייע.
אַזויפיל ניסלעך ער מיר גיט
— זיין חברטע די געטרייע.

דער מאַנדעל־בוים, דער מאַנדעל־בוים,
ער האַלט אונזער סוד . . .
און ווען איך נאָר בלייב אַליין
שפיל איך אום־צי־גראַד.

— איך קוק אויף מיין היטל
און טראַכט נאָר פון דיר,
ס'איז אַ גוטער מיטל:
דיין נאָענטקייט איך דערשפיר.

אַט וועלן מיר זיך באַגעגענען
— ס'ווערט מיר זיס און גוט —
איך לויף דיר אַנטקעגן
מיט אימפעט און מיט מוט.

געקומען איז דער פסח
— געשפילט אום־צי־גראַד.
און באַלד נאָך דעם פסח
צובליט האָט זיך דער סאַד.

דופטן שוין די בלומען,
און דער פויגל זינגט..
און ווען מאַטקע איז געקומען
האָט אים געבראַכט דערווינט.

לייכט ווי אַ הירשן
לויף איך אים אַנטקעגן,
פרייד מיט פרייט זיך מישן
אינם גלאַנץ פון די אויגן.



אַזוי פאַרגייט אַ יאָר
— אַ זומער און אַ ווינטער.
די טעג ליכטיק־קלאָר,
די נעכט מיט לעמפעלעך
צוצינדט ער . . .

ווידער בליט דער מאַנדעל־בוים,
וואַקסן אויף אים די מאַנדלען,
אָבער איך בלייב אַליין
— מאַטקע ז'געפאָרן האַנדלען.

אַוועקגעפאָרן, אַוועקגעפאָרן
אין אַ ווייטן וועג.
די נאַכט שלעפּט זיך ווי איינזאַם יאָרן,
און נאָך איינזאַמער די טעג.

• • •

ווייט פאַרפאָרן איז אַפילו
אונזער מאַטקע אונזער העלד.
צום בורא עולם טוט ער תפילה
ווי דער מאַנדעל־בוים אין פעלד.

און ער אַרבעט, אַרבעט פלייסיק
אינם מסחר אויסדערווילט.
שוין אָפּגעשפּאָרט אַ רובל דרייסיק,
פעסט פארקניפּעלט און אויסגעציילט.

און אין מסחר טוט ער טויגן
— געוואַלדיק מי ער זיך גיט,
תמיד זעט ער פאַר זיינע אויגן
נאָר פון מאַנדעל־בוים דעם צוויט . . .

— פרילינג קלאַנגען — באַלד קומט פסח,
דער מאַנדעל־בוים צובליט . . .
דאָ אין פענסטער אַזוי חושך,
דאָרט דער מאַנדעל־בוים אין צוויט.

— אום־צי־גראַד, אום־צי־גראַד?
וועט דאָס זיין אַ יאָר צי צוויי?
— מאַנדעל־בוים, דו ווייסט דעם סוד,
טאָ גיב די צייט שנעל אַ דריי.

כ׳לויף שנעל צו מיין חברטע,
איר אָנזאָגן די בשורה:
מיין באַשערטער איז געקומען
— איך גיי ווערן אַ כלה.

געקומען איז מיין באַשערטער
פון אַ ווייטער שטעטל.
פאַרקנסט אין צוויי ווערטער,
די מאַמע באַקט אַ טערטל . . .

„ווער איז דאָס דיין באַשערטער,
וואָס איז זיין כשר נאָמען?
פאַרקנס׳ט אין צוויי ווערטער,
פון וואַנען איז ער געקומען?"

— דאָס איז דער סוחר מאָטקע:
קלוג און שיין און רייך.
אַ פראַנט אין קורץ־קאַפּאָטקע
און מיט לייטן גלייך.

„מזל טוב דיר, חברטע,
געקומען פונקט צום יאָר . . .
שטאַרק האָסטו געביינקט נאָך אים.
איר זייט אַ גליקלעך פּאָר".

— אום־צי־גראַד, אום־צי־גראַד?
מאַנדעל־בוים באַהאַלט דעם סוד . . .

## צו אונזערע אבאָנענטן

אויב איר האָט באמת אַן אינטערעס, אַז דער זשורנאַל זאָל קאָנען דער־שיינען, שיקט תיכף צו דעם אַבאָנענטן־אָפּצאָל, וואָס איר זענט שולדיק. די לאַגע איז קריטיש, מיר האָבן פּשוט נישט דעם דרוקער צו באַצאָלן און די חובות וואַקסן און דער עול איז שוין איבער די כוחות.



י. ראַפּאַפּאָרט

## בלעטלעך פון מיין שאַנכייער טאָגבוך
(שלוס)

19־טן אָקטאָבער, 1944.

„שריי כינע!" — ניין, זיי שרייען שוין אַזוי אויך צופיל. אָפּטמאָל ווילט זיך אדרבא אַ געשריי טאָן: „שוויג, כינע!"

16־טן פעברואַר, 1945.

איך בין אַרויס פון טויער און דערזען אַ קליין, שמוציק, דאַר הינטל, אַ הינקנדיקס. עס איז געלאָפן שרעקעוודיק צום מיסטקאַסטן. מיין האַרץ איז פול געוואָרן מיט רחמנות צום דאַזיקן אָרימען באַשעפעניש. אָבער אַזוי, אַז עס איז ניט געבליבן קיין איין פריי פּיצל פּלאַץ פאַר אַנדערע. די גאַנצע וועלט מיט איר יאָמער, וואָס איך שפּיר אים שוין גאָר נישט לעצטנס אוממיטלבאַר־פריש, איז מיר געוואָרן ווייט. און איך בין דאַנקבאַר געווען דעם הינטל, וואָס גיט מיר אַ געלעגנהייט צו פילן, אַז מיין האַרץ קאָן נאָך זיין אוממיטלבאַר און שפּירן מיטלייד, — עכטן, ברענענדיקן מיטלייד צו אַ לעבעדיק וועזן.

24־טן אַפּריל, 1945.

אין פוילן האָב איך געזען ווונדן אויף אַ לעבעדיקן קערפּער פון אַ פאָלק; גרויסע, טיפע, אייטערדיקע ווונדן. אָבער אַ פאָלק איז געווען; און אָפּטמאָל סאַראַ שיין פאָלק. דאָ אָבער, אין שאַנכיי, זע איך פוילנדע שטיקער פון צעפאַלנ־דיקן פאָלק. ס׳איז בלויז ווונד, בלויז אייטער.

28־טן פעברואַר, 1945.

איין מעשה נאָך דער צווייטער. און איינע שענער פון דער צווייטער. אין „קאַווקאַז" (אַ רעסטאָראַן־קאַבאַרעט־נאַכט־לאָקאַל) קאָנען רוסישע יידן באַקו־מען אַ מיטאָג פאר 300 שאַנכיי דאָלאַר (דעם פיינעם רעשט וועט דעקן דער „דזשאָינט"). מיט איין וואָרט: די הילף פון „דזשאָינט" פאַר דער יידישער מיליאָנערן־שטאָט וואַקסט. טאָמער זענען דאָ געציילטע היגע אָרעמעלייט, קאָ־נען די הונדערטער מיליאָנערן און מולטי־מיליאָנערן נישט טראָגן די דאָזיקע לאַסט.

9־טן מערץ, 1945.

איך האָב היינט געמאַכט אַן ערשטראַנגיקע וויסנשאַפטלעכע אנטדעקונג: סדום איז נישט פאַרניכטעט געוואָרן צוזאַמען מיט עמורה — זי האָט בלויז גע־ביטן דעם נאָמען אויף שאַנכיי.

און איין אנטדעקונג ברענגט מיט זיך די צווייטע: סדום און עמורה זענען געווען יידישע שטעט — באַוווינט דורך עמיגראַנטן.

24־טן מערץ, 1945.

איך באַדויער אַזוי וואָס איך האָב זיך אָפּגעגעבן מיט קאַמף קעגן גראַ־פאַמאַניע, מיט פּאָלעמיק; וואָס איך האָב זיך נישט פאַרנומען מיט טעאָריע פון דיכטונג, מיט ערנסטע, עלזייטיקע מאָנאָגראַפיעס פון באַליבטע שרייבער און פּראָבלעמען; אָבער ווען עס געשעט אַ נס און איך באַקום ווידער כח צו

אַרבעטן איבער אַן אַקעדעמישער טעמע, וואָלט גענוג געווען אַ קליינע פאַרכע־
ריי (אַפילו בלויז אַן אימאַזשינערע) אָדער אַ קליינע גראַפאָמאַניע, איך זאָל אַלץ
פאַרגעסן און זיך וואַרפן אין קאַמף קעגן אומגעשמאַק און עוולה.

6־טן פּריל, 1945.
די מענטשהייט האָט קיין אַנונג נישט ווי אומפּאַיק זי איז צו קריטיק, צו
שעפערישער קריטיק, צו קלאָרזעעוודיקער קריטיק און דעריבער זאָגט יעדער
איינער: קריטיקירן איז לייכט, קריטיקירן קאָן יעדער איינער.
אינדעראמתן איז די מענטשהייט אַלס גאַנצעס און יעדער מענטש באַזונ־
דער שרעקלעך קריטיקלאָז. זייער קריטיק איז אויך פּאַפּעגאַאיש.
אָפּט כאַפּט אַרום אַ שרעק, ווען עס ווערט קלאָר ווי נישט פעאיק מענטשן
זענען צו זעלבסטשטענדיקער קריטיק.

19־טן סעפּטעמבער, 1945.
דער בעסטער באַווייז ווי אומגליקלעך עס איז דער מענטש, איז די מעשה־
לעך־ליטעראַטור, וואָס וואַקסט אומעטום ווו מענטשן וווינען. דער מענטש מוז
זיך פאַרזיסן זיין גורל מיט פאַנטאַזיע.

20־טן סעפּטעמבער 1945.
די חברה ספרדית פאָדערט אַן אָנשטרענגונג איבער זיך, אַ צוזאַמענצי־
אונג פון דער מוסקולאַטור, בעת די חברה אשכנזית איז אָפּגעלאָזנקייט, צעקראָ־
כנקייט.
עס איז אפשר דאָ עפּעס סימבאָלישעס אין דעם, וואָס אונזער נאַציאָנאַלע
אויפלעבונג איז פאַרבונדן מיט דער חברה ספרדית, מיט אַרויסגיין פון צו־
שטאַנד פון ענערגיעלאָזער אָפּגעלאָזנקייט און מיטן איבערגיין אין צושטאַנד
פון אַקטיווער אָנשטרענגונג.
אָן אַ טאָטאַלער אָנשטרענגונג, אויך אין געביט פון שפּראַך, קאָן די אויפ־
לעבונג אפשר נישט קומען.
ווער קאָן זיך דאָ אויסקענען מיטן פּיצל שכל...

28־טן סעפּטעמבער, 1945.
אַן אַמעריקאַנער גענעראַל האָט דערקלערט, אַז די נאַצי־פּאַרטיי דאַרף
באַטראַכט ווערן ווי אַלע אַנדערע פּאָליטישע פּאַרטייען, ווי אין אַמעריקע די
רעפּובליקאַנער אָדער די דעמאָקראַטישע.
דערנאָך האָט ער דערקלערט, אַז ער האָט זיך שלעכט אויסגעדריקט.
אָט דער „שלעכט אויסדריקן זיך" איז געוואַלטיק כאַראַקטעריסטיש פאַר
דער וועלט. זי איז אַזוי ווייניק אויפגעטרייסלט פון דער נאַצישער פּראַקטיק, אַז
עס קאָנען מעגלעך זיין אַזעלכע מיינונגען וועגן איר מצד פון גענעראַל, וועל־
כער האָט געפירט די הייליקע מלחמה קעגן באַרבאַריזם. און אָט־אָ די וועלט
וועט עס באַשטראָפן דייטשלאַנד און זי איבערדערציען! נאָך אַזעלכע דער־
קלערונגען, וואָס שטימען אַזוי מיט דער באַהאַנדלונג פון דייטשלאַנד, קאָן מען
זיך שוין גרייטן צו אַ נייער וועלט־מלחמה. זיי וועלן שוין ווידער ברענגען
דייטשלאַנד צו דער מאַכט!



4־טן נאָוועמבער, 1945.
מען געפינט זיך באמת אין אַ משוגעים־הויז! די אַלוועלטלעכע יוגנט־
קאָנפערענץ האָט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע: „יוגנט מוז קעמפן פאַר ווידער
אײפריכטן אומעטום תיכף־ומיד די פרייהייט פון וואָרט, פרעסע, פאַרזאַמלונגען,
רעליגיע, פּאָליטישע קערפּערשאַפטן, פּראָפאַראיינען און פון די דעמאָקראַטישע
יוגנט־אָרגאַניזאַציעס".
און די דאָזיקע רעזאָלוציע נעמט אָן אויך די סאָוויעטישע דעלעגאַציע פון
דער יוגנט! זיי האָבן זיך אַ נאָמען געגעבן „דעמאָקראַטיע" און דערמיט איז
אַלץ דערליידיקט. און די גאַנצע יוגנט פון דער וועלט פילט נישט דעם חוזק
פון זייער רעזאָלוציע? היינט גיי בוי אַ וועלט מיט אַזאַ טעמפּער אָדער צביעות־
דיקער יוגנט!
און זי פאָדערט נאָך מען זאָל אויסגעבן דעם סוד פון דער אַטאָם־באָמבע
דעם ראַטנפאַרבאַנד, — זיי זאָלן זיין זיכער מיט אויפהאַלטן זייער „דעמאָ־
קראַטיע"!
קיין אמתע דעמאָקראַטיע איז אפשר נאָך אין ערגעץ נישטאָ, אָבער צום
ווינציקסטן אין ראַטנפאַרבאַנד!

5־טן נאָוועמבער, 1945.
צוויי מינים איבערצייגונגען זענען גאָרנישט ווערט: (1) אַזעלכע, פאַר
וועלכע אַנדערע צאָלן; און (2) אַזעלכע, פאַר וועלכע מען וויל אַליין גאָרנישט
צאָלן.

5־טן נאָוועמבער, 1945.
פאַראַן אַרטיסטן וואָס קאָנען קיין פאַרשטעלונג גוט נישט מאַכן דערפאַר
אָבער קאָנען אַזעלכע אַרטיסטן מאַכן גוט פון אַ פאַרשטעלונג...

13־טן נאָוועמבער, 1945.
ווי לעבנספעאיק די פּוילישע פּליטים זענען. ווי פלינק זיי האַנדלען מיט
אַלץ און מיט אַלעמען (אַפילו מיטן שאַנבייער געטאָ): פון איין טאָג אויפן
צווייטן ווערן מענטשן גבירים. און איך קוק זיך צו צו דעם . . .
אַזוי קוקט מסתמא אויף די פיש אַן אַרונטערגעשאָסענער פויגל, וואָס פאַלט
אַריין אין וואַסער: ווי גוט זיי איז וואָס זיי קאָנען שווימען! אַזוי קוקט מסתמא
אַ פיש, וואָס ווערט אַרויסגעוואָרפן אויפן ברעג, אויף די ווערימלעך וואָס קריכן
אַרום אויף דער יבשה: ווי גוט עס איז זיי וואָס זיי קאָנען קריכן!
וואָלט דען אַ פיש אין וואַסער אַמאָל געווען איינגעפאַלן מקנא צו זיין די
ווערים? אָבער אויף דער טריקעניש, ווען ער שטיקט זיך, ווייט פון וואַסער...
איך קוק זיך צו צו דער לעבנספעאיקייט פון די פּליטים און בין זיי מקנא.
(אַפילו מיט אַזאַ גאַנגבאַר אַרטיקל ווי „געטאָ" קאָן איך גאָרנישט מאַכן...) וואָלט
איך זיך דאָס אַמאָל געווען געקאָנט פאַרשטעלן?

25־טן מאַי, 1945.
כ'האָב היינט ביינאַכט אַזוי קלאָר דערזען ווי די וועלט איז גאָטלאָז, און
כ'האָב אַזוי שטאַרק דערפילט ווי אומגליקלעך עס איז צו לעבן אין אַ גאָטלאָ־

זער וועלט (אונמעגלעך און זינלאָז), אַז כ'האָב צום ערשטן מאָל דערפילט, אַז כ'קאָן באַגיין זעלבסטמאָרד. איך, וואָס האָב קיינמאָל נישט געקאָנט פאַרשטיין קיין זעלבסטמערדער.

8־טן פעברואַר, 1946.

זיך היינט דערוווסט פון אַ „טיים", אַז קעטע קאָלוויץ איז אין סעפטעמבער 1945 געשטאָרבן אין טיפן עלטער, כמעט אַ בלינדע.

נישט ווילנדיק האָב איך אַ טראַכט געטאָן: אַ שאָד, וואָס זי איז די לעצטע יאָרן נישט געווען אויך טויב; איך וואָלט דאָן זיכערער געווען, אַז עס איז צו איר נישט דערגאַנגען נישט דורך לייענען און נישט דורך הערן, וואָס איר פאָלק האָט אָפּגעטאָן מיט פרויען און קינדער. איר, דער גרויסער פרוי, דער מאַמען (מיט אַ גרויסן „מ") וואָלט נאָך ערגער געווען פאַר אונז: מיר פילן דעם גרויסן טרייסטלאָזן ווייטאָג, אָבער נישט קיין גרעניצלאָזע חרפה! זי אָבער וואָלט געפילט ביידעס: אי דעם ווייטאָג, אי די ברענענדיקע חרפה, די טרייסט־לאָזע חרפה:

איר פאָלק האָט דאָס געטאָן!

איך וואָלט אַזוי געוועוען געוואָלט, אַז קעטע קאָלוויץ זאָל נישט האָבן באַדאַרפט איבערלעבן דעם דאָזיקן דאָפּלטן גרויל: זי האָט נישט פאַרדינט דעם דאָזיקן טאָפּל־גרויל. וואָס איז זי שולדיק, אַז איר מענטשלעך האַרץ, איר גרויס מאַמיש האַרץ איז געבוירן געוואָרן ביי אַ פאָלק אַ טויזנטפאַכן קין, אַ מיליאָנען־פאַכן פערוועזין קין?

איך האָב געזען אַ גאַנצן טאָג פאַר די אויגן קעטע קאָלוויצעס בילדער און כ'האָב געפילט: ווען זי איז יונג, וואָלט זי געווען זיין די, וואָס וואָלט געקאָנט טיליוויז אילוסטרירן אונזער חורבן.

און כ'האָב אויך געטראַכט: זי איז אַ קינד פון דייטשן פאָלק און — גערינג און היטלער און געבעלס? ווי אַזוי קאָן איין פאָלק געבוירן אַזעלכע עקסטרעמען און בלייבן איין פאָלק? און דאָך איז דאָך דאָס אַזוי. קעטע קאָלוויץ איז, לײדער דאָס אומנאָרמאַלע אין דייטשן פאָלק, דאָס נאָרמאַלע ביי אים איז געבעלס.

23־טן פעברואַר 1946.

„עבד כי ימלוך" — ס'אַראַ טיפער אמת עס איז דאָ אין דעם. ווי שנעל די שאָנבאַיער כינעזער איראָפּעאיזירן זיך לויטן מוסטער פון איראָפּע 1930־1940.

## אבאנירט „לשון און לעבן"

## ווערט א מיטגליד פון „פריינט פון יידיש־לשון"



### י. ל. פיין

## צום יאָרצייט פון די „קדושים" פון וואַרשעווער געטאָ

היינט איז יאָרצייט, אונזער פאָלקס יאָרצייט.
און אַלע לענדער פון נאָענט און ווייט,
אין יידישע ישובים פון דער גאַנצער וועלט
ווערן היינט יאָרצייט ליכט געשטעלט.

און הזכרות מאכן מיר,
און קדיש זאָגן מיר,
ווייל ס'איז יאָרצייט היינט
נאָך זעקס מיליאָן ברידער, פריינט.

און מיט קעפּ צו דר'ערד געבויגן,
און מיט טרערנפולע אויגן,
האַלטן מיר אונזער אָטעם איין
אין אַ שטילקייט פול מיט פּיין.

נאָר די טויטע שטילקייט ווערט מיט אַמאָל
איבערגעריסן פון אַ מעכטיק קול.
אַ קול וואָס טראָגט זיך פון דער לופט;
אַ קול וואָס וועקט, וואָס בעט און רופט.

אַ קול וואָס זאָגט — „אויב איר ווילט געדענקען אונז
דאָן זאָגט קיין קדיש מער נאָך אונז,
ווייל מיר די קעמפער פון וואַרשע געטאָ
ווילן ניט באַטראַכט ווערן אַלס טויטע".

„ווען מיר האָבן קעגן שונא זיך געשטעלט,
האָבן מיר פּראָקלאַמירט דאָן פאַר דער וועלט
אַז יידן וועלן ניט בויגן מער די קעפּ,
נאָר וועלן ענטפערן מיט קלעפּ, פאַר קלעפּ".

„און אַז ניט מיט פאַסטן און מיט סליחות,
וועלן מיר ענטפערן אויף די רציחות
וואָס ווער ווער וועט וואָגן צום באַגיין
קעגן אונז, דאָס הייפּעלע קליין".

„קיינער פון אונז האָט פון טויט געטראַכט
ווען מיר זיינען אַרויס אין שלאַכט,
און קיין טרער ביי קיינעם אין די אויגן;
און קיינער האָט פון אונז זיין קאָפּ געבויגן".

„און די וואָס האָבן מיטן לעבן באַצאָלט",
— זאָגט דער קול — „האָסן מיט געוואָלט
אַז מען זאָל באַהאַנדלען זיי ווי מתים,
נאָר מען זאָל נאָכטאָן זייערע מעשים". . .

„מיר פון געטאָ" — זעצט פאָר דער קול —
„האָבן אין וואַרשע געקעמפט פאַר ישראל,
און מיר ווילן יעצט ניט קיין אבלים
נאָר מיר ווילן עולים, יונגע עולים!"

„עולים וואָס זייער יוגנט זייער קראַפט
זאָלן געבן פאַר דאָס לאַנד וואָס שאַפט
אַ פאָלק, מיט פרייע ברייטע האָריזאָנטן
פאַר דעם ווייטן און דעם נאָענטן".

„עולים, וואָס זייער לעבן, האָב און גוטס
זאָלן געבן פאַר ישראל'ס שוץ
אַז סאַי אין פרידן און סאַי אין קריג
זאָל געזיכערט זיין אונזער לאַנד מיט זיג".

„ניט קיין טרערן, ניט קיין טרויער
ווילן מיר, נאָר יונגע בויער
פאַר אונזער פאָלק, פאַר אונזער לאַנד.
אָט דאָס זאָל פאָלגן אונזער ווידערשטאַנד!"

— — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — —

און פלוצלינג איז דאָס קול פאַרשוווּנדן.
די יאָרצייט ליכט האָבן זיך אָנגעצונדן.
און איבערן גרויסן עולם פון יתומים
קלינגט — „אל מלא רחמים שוכן במרומים" — . . .

**קומט צו אונזערע יידיש-ליטעראַרישע שבת-נאָכמיטאָגס**



יוסף הלל לעווי

## צום טויט פון ס. פּאַלמע

איינזאַם געלעבט, איינזאַם געליטן, איינזאַם געשאַפן און אויך פאַראיינזאַמט געשטאָרבן. אָפּגעקומען דאָ ווי מען זאָגט — פאַר אַלעם בייזן . . .

איז דאָך דער טויט פון קדמונים אָן שוין אַ שווידערדיקער שווערד מיט אַ סך שאַרפן, און עס בלייבט נישט נאָר טויט דער דאַזיקער אויף וועמען די שאַרף פאַלט, — נייערט עס בלייבן אויך אָפּגעטויט די הערצער וועלכע קוקן זיך צו ווי מען פאַלט . . . און מכל שכן נאָך ווען ס'שטאַרבט איינער פון דער אייגענער מחנה און אייגענער ריי. מיט יעדן איינעמס טויט וואָס מיר באַדויערן און באַוויינען, — באַדויערן און באַוויינען מיר זיך סוף כל סוף אויך אַליין . . .

וואָלט דאָך באַדאַרפן על פי שכל הישר, ועל פי אַלע רחמנות־געפילן דער שייכות בין אדם לחברו מינדעסטנס אָן ערלעכע ווען שוין נישט קיין געפילפולער און ליבלעכער צו זיין ביים לעבן . . . לויפט אָבער דער לעבנס־ראָד אַזוי געשווינדט און מיט אַזאַ מין צוטומלטער פאַרכשופטקייט, אַז מיר פאַרגעסן און זען נישט נאָר אַליין דעם אייגענעם חבר נישט — נייערט מיר פאַרגעסן און זעען אויך זיך אַליין נישט מער. און ווען מיר דערוואַכן איז עס ליידער תמיד שוין צו שפּעט . . .

אַזוי האָט יאָרן לאַנג אין דעם הארטן לאַנדאַנער באָדן און אין דעם פאַרפאָגעטן אַרום — געוואַקסן און זיך פון זיך אַליין דערנערט, אַ קראַנקע פאַלמע, וואָס האָט צום הימל קיינמאָל נישט געקענט דערלאַנגען; און דאָס נישט נאָר אַליין מחמת די שלעכטע קלימאַטישע באַדינגונגען, נייערט פיל מער דורך די פאַרהינדערונגען און שטערונגען אַפילו מצד זיינע נאָנטסטע קאָלעגן . . .

און זאָגן מעג מען עס איצט שוין אָפן, און נישט מער קיין מורא האָבן אַז ס'קען דעם דיכטער חלילה נאָך פאַרשאַטן. (איך האָב עס אַמאָל ביים דיכטערס לעבן געוואָגט ווי פאַלמע האָט זיך אַליין אויסגעדריקט: „צו צעברעכן די אַלטע פאַרגליווערטע לאָנדאָנער טראַדיציע") און מיט אַ פּאָר גינסטיקע ווערטער אַ חבר צו קוראַזשירן. זאָגן אים: אַז דאָס געשאַפענע — האָט אַ ווערט, און עס איז כדאי ער זאָל ווייטער שאַפן . . .

און ס. פאַלמע איז געווען אַן אמתער סאָציאַלער דיכטער, וועלכער איז נישט אָפּגעשאַצט געוואָרן ביים לעבן, נאָר פשוט אונטערגעשעצט געוואָרן כמעט פון אַלע זיינע צייטגענאָסן און באַזונדערס פון די לאָנדאָנער חברים. ווייל ראשית כל איז ער געווען אַן עני־ואביון, און עני איז — חשוב כמת . . . והשנית נאָך אַזאַ מין עני — וואָס האָט נישט געקענט די האַנט גוט אויסשטרעקן און פאַרמאָגט אויך רונדיקע עלנבויגנס וואָס מיט אַזעלכע כלי־זין מוז מען שוין סיי ווי יעדע שלאַכט פאַרלירן . . .

מען האָט דעם אָרימען קראַנקן מענטשן נישט אַפילו דאָס לידל פאַרגינען וואָס ער פלעגט אָנשרייבן און פון צייט צו צייט אָפּדרוקן פאַר אַ קליינעם

האַנאָראַר אין דער לאָנדאָנער „צייט“, וועלכע מאָריס מייער ע״ה האָט רעדאַקטירט. און טאַקע די פּאָר פונט וואָס ער פלעגט אין פאַרלויף פונם יאָר פון דער „צייט“ אַרויסבאַקומען, האָבן אים אַביסל פאַרלייכטערט זיין מיזערע. אָבער נאָך שווערער איז פאַר אים געווען דער קלאַפּ ווען זיינע פריינט — דאָס קינסטלער פּאָרל מאַרק מאַרקאָוו און עטא טאַפּל האָבן געמוזט דאָס טעאַטער אין „גרענד פּאַליי“ פאַרמאַכן. ווייל מיטן פאַרמאַכן זיך פון דעם „מאַרקאָוו־טעאַטער“ האָט זיך אויך פּאַלמעס גאַנצע פּרנסה פאַרמאַכט. און ווייטער איז עס געוואָרן אסור לרחם! . . .

און ווען מען טראַכט איבער מוז עס איינעם טאָפּלט שוידערדיק אויפן געמיט ווערן! אַזאַ שטאָדט לאָנדאָן, — מיט אַן עין הרע אַזויפיל רייכע יידן, מעצענאַטן און אייגענע רייכע חברים, האָט מען אַפילו דעם אָרימען קראַנקן און הילפלאָזן חבר נישט געגעבן — דאָס וואָס האָט די ווערט פון די קרישעלעך, וואָס מען שיט יעדן טאָג נאָכן רייכן מיטאָג מיטן טישטוך אויס . . . און דאָ מוז איך מיינע חברים שרייבער באַשולדיקן, אָבער אַממערסטן זיך אַליין. יאָ, זיך אַליין! מחמת איך האָב בעסער געוווּסט און מרגיש געווען זיין ביטערע לאַגע ווי אַנדערע, און וואָלט פאַר אים בביי אַ געוויסער אַנשטרענגונג זיכער עפּעס געקענט אויפטאָן, און האָב עס נישט געטאָן! עס ליגט אויפן האַרצן ווי אַ שווערער קיזלשטיין, און דריקט און פרעסט, די קעל פאַרשנירט זיך, עס קומען אָן ווי די שלאַנגען טרערן צו קריכן, אָבער ס׳איז צו שפּעט. און הגם פּאַלמע איז פון הונגער נישט געשטאָרבן, איז דאָס אָבער פאָרט אַ קנאַפּע טרייסט. מחמת איין גוטע טאָט ביים לעבן, איין גוט וואָרט — איז מער ווערט ווי טויזנטער אַרטיקלען מיט די גרעסטע שבחים נאָכן טויט . . .

איך האַלט נישט אַ האָר פון דעם „אחרי מות קדושים“ — פון דעם קולט נאָכן טויט. ווייל דאָס זעלביקע וואָס מיר ווייזן פון טויטן, ווייסט דער טויטער פון אונדז . . . איך זוך זיך צו פאַרטיידיקן און אָפּצוקומען מיט מיין שלעכטן געזונט־צושטאַנד. אָבער דאָס זענען אַלץ פוילע תירוצים און צו שוואַך די שולד אָפּצווּווישן.

און שווערער פאַלט נאָך די שולד אויף איינעם — ווייל ס. פּאַלמע האָט נישט געהערט צו דעם מין שאַפער וועלכע געבן, — אויף מער אַרויסצובאַקומען ווי זיי האָבן געגעבן. אים האָט אויך די נאַטור נישט באַשאָנקען ווי אַ סך אַנדערע (הגם ווייניקער באַגאַבטע פאַר אים) צו קענען ריידן, שרייען, וויינען, בעטן, פאָדערן, און פאַרלאַנגען. זיין גורל האָט אים אויך נישט אונטערגעטראָגן די פאַרדינטע אָנערקענונג פאַר זיינע אַפילו געלונגענע לידער. ניין! נישט ער האָט קיינמאָל געבעטן, נישט ער האָט קיינמאָל פאַרלאַנגט, נישט ער האָט קיינמאָל געוויינט, נישט ער האָט קיינמאָל געשריִען אָדער גאָר געפאָדערט: מיר קומט! איך האָב עס פאַרדינט! נישט ווייניקער ווי אַנדערע . . . נאָר איינזאַם געלעבט, איינזאַם געליטן, איינזאַם געשאַפן, און איינזאַם געהונגערט. יאָ, בוכשטעבלעך געהונגערט, אין דער רייכער לאָנדאָנער מעטראָפּאָליע. נישט געהאַט אָפּט קיין ריכטיקן מיטאָג אָפּצועסן, קיין פּאָר גאַנצע שיך צו טראָגן



און קיין דירה־געלט צו באַצאָלן. און תמיד געשוויגן און וועגן זיך קיין וואָרט נישט דערמאָנט. געווען דאַנקבאַר פאַר אַ גוט ערלעך חבריש וואָרט ווען ער האָט אַמאָל אים זיינס אַ ניי אָנגעשריבן ליד פאַרגעלייענט.

און האָבן לאָנדאָנער חברים שוין יאָ איבער אים אַמאָל אַ פּאָר ווערטער גערעדט, אָדער געשריבן, איז דאָס מער נישט געווען, — נאָר אַ הוילער געפּלוידער און אַן אויבן אויפיק געשמירעכטס; אָנגעזאַפּט מיט מער סם פון קנאה, שנאה און בטל — ווי אַ דערטרונקענער שרץ מיט ברידיקן וואַסער . . .

און ווי דאָס פאָלקסווערטל זאָגט: איבער אַ קראַנקן גוף האָבן אַלע ביזע פליגן שליטה. אַזוי איז אויך דעם פאַרגאַנגענעם זומער געווען געדרוקט אינם פּאַריזער „אונזער וואָרט“ אַ קליינע מישטיינסגעזאָגטע קריטיק פון עפּעס איינעם אַ קריטיקער מיט אַ פּסעוודאָנים איבער ס. פּאַלמעס דערשינענעם לידערביכל „גלאָקן אין דער מדבר“ וואָס איז געווען אַזוי גראָב, אומפאַראַנטוואָרטלעך און ציניש אָנגעמלאכהט.

אָבער נאָך מער פאַרדריסלעך איז עס געווען, — האָט בשעתו פּאַלמע ע״ה פאַר מיר זיך געאויסערט — וואָס מרדכי שטריגלער, האָט דערלאָזט אַזאַ שמוציקן פּאַמפלעטישן געשמירעכטס פּובליצירן . . .

איך זע ס. פּאַלמען לחלוטין נישט דורך דער לופּע פון טויט; וועלכע האָט ליב אַלע קליינע מענטשלעכע מצוות צו פאַרגרעסערן, און אַלע גרויסע עבירות צו פאַרקלענערן . . . פּאַלמע איז נישט געווען קיין גדול בישראל, אויף דעם האָט ער קיינמאָל נישט פּרעטענדירט, ער האָט אויך נישט געהאַט ווי קיין אימערמענטש, איבערמענטשלעכע פעלערן, נייערט ווי יעדער בשר ודם זיינע מעלות און חסרונות. (ער זאָל עס מיר מוחל זיין) ווייל געווען איז ער אַ פאַרלאָזענער איינזאַמער, און דערפאַר אָפּט אַ פאַרביטערטער דיכטער־מענטש . . . פאַר 40 יאָר צוריק ווען ער איז אין לאָנדאָן געקומען האָט ער אָנגעהויבן ווי דאָס רוב עמיגראַנטן — אין שניידער־שאָפּן צו אַרבעטן, און שפּעטער ווען ער איז פון דער שווערער אַרבעט לונגענקראַנק געוואָרן און זי געמוזט אויפגעבן אָנגעהויבן אונטערצוהונגערן בסתר, אָבער קיינמאָל נישט ביי קיינעמען געבעטלט. און נישט נאָר אַליין מיט פּאָעזיע האָט פּאַלמע זיך מתעסק געווען, נאָר ער האָט אויך געמאָלט, געצייכנט און קאָמפּאָנירט. און איבערגעלאָזן אַ סך ווערטפולע בילדער און צייכנונגען. איניקע בילדער זיינע זיינען געווען אויסגעשטעלט אין דער לאָנדאָנער „בן אורי גאַלעריע“. צו אַ סך לידער און קינדער־לידער זיינע, וואָס זענען פאַר דער היטלעריסטישער פּעסט מיט באַגייסטערונג אין שול־כאָרן פון קינדער געזונגען געוואָרן — האָט ער די מעלאָדיעס אַליין פאַרפאַסט. אויך דער רוב ביכער מיט די לידער זיינע זיינען פון אים אילוסטרירט.

און הגם ס. פּאַלמעס לעבן איז זייער רייך געווען מיט דערנער און שטיינער, און גאָר אָרים מיט בלומען און געניס, — האָט ער פאָרט באַוויזן אונטער די קלעגלעכסטע מאַטעריעלע אומשטענדן אַרויסצוגעבן די פאָלגנדיקע לידערביכער: „חלום־לאַנד“, „רויטע רויזן“, „קינדער פון שטורעם“, „צווישן פיר

וועגד" (דערציילונג), „פּאַרוויסטע ערד", „רינגען און קייטן", „גלאָקן אין מדבר", און דאָס לעצטע בוך זיינס „סילועטן אין שפּיגל".

געווען איז ס. פּאַלמע אַן עפּיש־לירישער סאָציאַלער דיכטער. זיין וועריזיפיקאַציע איז תמיד צונויפגעגאָסן געווען מיט זיינע אידייען, עמאָציעס און בילדער, וועלכע זענען אָפט באַפליגלט געווען מיט אַ זילבערנעם הויך פון סימבאָליזם.

זיין ריטמיק און גראַם זענען געווען האַרמאָניש מיט זיינע שילדערונגען, אָפט ברייט צעצויגן אָפט קורץ און אָפּגעהאַקט, — אַזוי ווי דער טעמפּאָ פון דער טראַגישער צייט אין וועלכער מיר לעבן. זיינע איבערלעבונגען האָט ער נישט אַריינגעפּאַסט אין אַלטע פאָרמען — נאָר ער האָט פון זיי נייע פאָרמען אַרויסגעשטאַלטיקט. זיין וועזן איז געווען פאַרקניפּט מיט דער מאַסע, הגם זיינע נייגונגען זענען געווען אינדיווידואַלישע. זיין לעבן איז געגאַנגען אין פּאַראַלעל מיט זיינע דיכטונגען — איינזאַם קאָמפּליצירט, פאַרבענקט נאָך אַ געזעלשאַפט ווען ער האָט זיך געפונען ביחידות, און פאַרבענקט נאָך יחידות ווען ער האָט זיך געפונען אין געזעלשאַפט. זיינע פּאָלקסמאַטיוון האָט ער געזוכט צו געשטאַלטיקן — אין דער פאָרם נאַציאָנאַל, און אין אינהאַלט סאָציאַל, לויט אַ פריערדיקער ריכטונג אין סאָוויעט רוסלאַנד. פּאַלמע איז גלייכצייטיק אויך געווען אַ אורבאַניסט, דאָס זעט זיך גאָר בולט אַרויס פון זיין פיינעם ליד „לאָנדאָן, אַ לאָנדאָן" וועלכעס איך האָב ציטירט אין אַ קריטיק וואָס איז מיט יאָרן צוריק געווען געדרוקט אין דער „פרייע אַרבעטער שטימע" (ניו־יאָרק) און אין דער „צייט" (לאָנדאָן). אין דעם דאָזיקן ליד האָט דער דיכטער פאַרשטאַנען צו שילדערן דאָס לאָנדאָנער עלדאָראַדאָ — פון באַזיץ און עלנט, פון גליק און אומגליק, פון שטורעם און רו, פון אויפגאַנג און אונטערגאַנג, וואָס האָט זיך אויסגעוואַקסן צו אַן אמתן געזאַנג פון דיכטערישער אינספּיראַציע.

פּאַלמע האָט תמיד געשטרעבט צו זיין ערלעך, אין זיין לעבן, ווי אין זיין דיכטונג, און דער עיקר — ביי קיינעמען גאָרנישט בחינם צו נעמען; און ווען שוין יאָ נעמען, דאַן אים מינדסטנס צוויי מאָל אַזוי פיל צוריקגעבן . . .

די בעסטע אילוסטראַציע דערפאַר וועט זיין דאָס ליד זיינס „איך ווייס נישט", פון בוך „רינגען און קייטן":

אַ איך ווייס נישט וויפל שליאַכן שוין איך בין געגאַנגען
און צו וויפל נאָך איך וועל דערגיין,
אויף וויפל שידוועגן איך וועל נאָך שטיין,
אָפּגעשלאָסן מיט דערוואָרגענע פאַרלאַנגען ? !

אַ איך ווייסט נישט וויפל טרערן איך האָב געטרונקען,
ווען דיין ענטפער איז געוועזן ניין ! . . .
אַ שמייכל פאַרמאַסקירט האָט מיין געוויין,
בלויז אַ שטערן האָט מיט ליבע צוגעווונקן . . .



כ'ווייס נישט ווו און ווען איך וועל דיך נאָך געפינען,
נישט פון דיר חלילה חובות איינצומאָנען,
נאָר אומצוקערן דיר וואָס ס'איז דיין ; —
האָסט מיר אין דיין האַרץ אַ קעמערל פאַרדונגען,
ס'אויסגעבאָרגטע — כ'האָבס פאַראייגנט און באַזונגען,
כ'וויל עס דיר אָפּגעבן, ס'איז נישט מיין ! . . .

דאָס איז געווען עכט פּאַלמע. און אַזוי איינזאַם ווי ער האָט געלעבט — האָט ער אויך מיטוואָך אין דער פרי דעם 19־טן מערץ, אויסגעהויכט זיין ריינע נשמה אין לאָנדאָנער יידישן האָספּיטאַל. נישט קיין פרוי, נישט קיין קינד, זענען געקומען צו זיין לויה, נאָר אַ פּאָר (טאַקע נאָר אויף די פינגער געציילטע) פריינט מיט געבויגענע קעפּ, פאַרקלעמטע הערצער, און פאַרוואָלקנטע אויגן. און אויף דעם גרויסן יידישן „מאַרלאָ רויד בית עולם" צווישן די טויזנטער מצבות, — איז נאָך אַ קבר מיט אַן אָרים ברעטעלע אָן אַ בלימל צוגעקומען, און דאָרטן איז צו אייביקער רו געבראַכט געוואָרן דער איינזאַמער דיכטער־מענטש ס. פּאַלמע (סאַווינסקי) אַזוי האָט געלעבט, געליטן, געשאַפן און אין איינזאַמקייט געשטאָרבן אַ יידישער דיכטער וועלכער האָט ערלעך געליבט דעם ייד און דעם מענטש.

דורך דעם שלעכטן געזונט־צושטאַנד פון דעם שרייבער פון די דאָזיקע שורות, איז עס אים ליידער נישט באַשערט געווען צו קומען פּינקטלעך אויף דער לויה, אָבער אַ האַלבע שעה שפּעטער ווען דער עולם איז זיך געווען שוין צוגאַנגען — איז ער ערשט דערשינען פאַר זיין האַלב צוגעשאָטענעם נאַקעטן קבר נעבן אַ פּאַרקן און דאָרטן ביי זיין איינזאַמען פריינט — געבעטן מחילה, און נישט געהאַט מער וואָס צו זאָגן נאָר אַ שטילן, פון טרערן פאַרשטיקטן: „יתגדל ויתקדש שמה רבה !

לאָנדאָן דעם 19־טן מערץ 1952.

---

שמואל וווהייט

## ביים קבר פון מיין פריינד ס. פּאַלמע ע״ה

דיין איינזאַם ראַנגלענד לעבן
האָט דיך גובר געווען,
דיך אַוועקגעריסן
אין דעם שויס פון אייביקער רו.

דאָך דיין גייסטיקעס שאַפן
וועלכעס דו האָסט איבערגעלאָזן,
וועט מיט העלער ליכט לייכטן,
אין צוקונפטיקע דורות.

דו ביזט פון אונז אוועק מיין פריינט,
און זיך באהאפטן
מיט דער אייביקער אונענדלעכקייט,
— זיך אריינגעוועבט אינעם „אין־סוף“.

דיין גוף בלויז איז פון אונז אוועק,
דאך לעבט דיין גייסט מיט העלער ליכט.
— — — — — — — — — —
שלאף אין רו מיין פריינד
אין דעם אייביק שטילן שויס פון פרידן.

---

## י. ח. קלינגער

### J'AI UNE FILLE (איך האב א טאכטער)

(פראגמענט פון דער סעריע „בריוועלעך פון ישראל“ געלייענט
אין „קול ציון לגולה“ אין ירושלים)

. . . די ייִדיש־פראנצויזישע שרייבער האבן אין די פאר־מלחמה יארן זיך שטארק דערנענטערט צום ציוניזם, וועלכער האט זיי געזאלט ליפערן א רייכע טעמאטיק. אזוי ארום האט דער באקאנטער דיכטער עדמאנד פלעג, נאך זיין ערשטן באזוך אין ישראל, ארויסגעגעבן א בוך, וואס האט שטארק פארא־ינטערעסירט די פראנצויזיש־ייִדישע יוגנט, א.נ. "Pourquoi je suis Juif" („פארוואס איך בין א ייד“).

אזוי האט אויך דער דיכטער אנדריי ספיר (André Spire) אנגעשריבן א כאראקטעריסטישע דערציילונג א.נ.: "J'ai un fils" („איך האב א זון“)

אין דער דאזיקער דערציילונג מאלט אונז דער מחבר א באל אין די ווונ־דערשיינע זאלן אינעם ווערסיילער פאלאץ, דער אמאליקער רעזידענץ פון לואי־דעם־פערצנטן: עס האט זיך דארט פארזאמלט די „האט־וואלעי“, די אריסטא־קראציע, פון דער פראנצויזישער געזעלשאפט און גענומען טאנצן אונטער באכ׳ס קלאנגען און ביי רוישנדיק־זידנדיקן שאמפאניער. אין סאמע שענסטן טאנץ, ווען די געמיטער זיינען שוין גאר פריילעך געוועזן, קומט אריין דער טויט, דער „מלאך המות“ און דערנענטערט זיך צו די דאמען און קאוואלירן. ער האט זיך טיף פאר זיי פארנייגט און געבעטן אז מען זאל מיט אים טאנצן שאפענס פאלאנעז. אלע זענען ווי פאר־גליווערט געווארן און געזוכט מיט דערשראקענע אויגן איינעם, וואס זאל גיין מיטן ניט געבעטענעם גאסט טאנצן. בקיצור: עס האט זיך אויך פארוואלגערט דארט צווישן די געסט — א ייד. באין ברירה, האט דער ייד אנגענומען צו טאנצן מיטן „גאסט“. אלע האבן זיך מיט גרויס נייגיר און פארוואונדערונג צו־געקוקט צום ווילדן געראנגל פון די צוויי טאנצדיקע, דעם ייד מיטן „טויט“. ווען דער לעצטער, א צופרידענער, האט פארלאזט דעם טאנץ־זאל, זיינען אלע



צוגעלאפן צום מר. דרייפוס, דעם ייד, אים געדאנקט פאר דער טובה וואס ר׳האט זיי געטאן און געפרעגט: „וועלכער פארבארגענער כוח ליגט אין דיר, וואס האט דיך ניט אפגעשראקן צו טאנצן מיטן „מלאך המות“?

דארויף האט דער ייד זיי געענטפערט: "J'ai un fils!" אויף ריין ייִדיש וועט דאס הייסן: „איך לאז נאך זיך א זון, א קדיש“, א יורש . . .

אין דעם דאזיקן האב איך זיך דערמאנט מיט עטלעכע וואכן צוריק, ווען אין א שבת נאכן דאווענען, שפאצירנדיק איבער די גאסן און געסלעך אין בני־ברק, האב איך זיך איינגעהערט אין די קלאנגען פון ייִדישן געזאנג, ייִדישע „זמירות לשבת“, וואס האבן זיך געטראגן פון אלע שטיבער אין גאס אריין. עס האט אויף מיר געמאכט אן אויסערגעוויינלעך סימפאטישן רושם די, מיט אן אייזער־נער קייט אפגעצוימטע, הויפט־גאס ווו קיין אויטא קען ניט אדורכפארן, כדי ניט מחלל־זיין די שבתדיקע רו. אין באגלייטונג פון פריינט בין איך אריינגע־בעטן געווארן צו בני־ברקער תושבים, די געברידער לאפין. צווישן די קינדער זייערע, אלע „צברעס“, האט מיך פאראינטריגירט א מיידעלע פון אן ערך זיבן־און־א־האלב יאר אלט. א בלאנד קעפעלע, אן אפגעברוינט פנימל פון דער זון, אין א פאר קורצינקע בלויע הייזעלעך. א פריילעכע האט זי זיך א ווארף געטאן צו מיין באגלייטער מיט אן אויסרוף: שלום דוד, געברענגט מאסטיק? די קליינינקע, דליה הייסט זי, איז א גרויסע ליבהאבערין פון „מאסטיק“ — „טשואינגאם“ אויף אמעריקאניש. וואס אן אמת, האב איך זיך א ביסעלע דער־שראקן פארן איינפלוס פון אט דער „טשואינגאם“־קולטור, און גענומען זיך פאראינטערעסירן אביסעלע מיטן לעבן פון דער קליינער דליה.

און אט איז דער שמועס מיט איר:

— שלום דליה, ווי אלט ביזסטו?

— 7 מיט דריי־פערטל יאר. (פארשטייט זיך אז גערעדט האבן מיר עברית, הגם זי קען א ביסעלע ייִדיש ריידן אויך).

— לערנסטו אין שולע?

— כן, איך בין אריבער אין דריטן קלאס. איך לערן לייענען, שרייבן, רע־כענען און חומש.

— אזוי, חומש לערנסטו. צי ווייסטו ווער עס זיינען אונדזערע אבות?

— אברהם, יצחק, ויעקב.

— און ווי אזוי האט געהייסן יעקובס ברודער, ווייסטו?

— עשו! — האט זי גלייך געענטפערט.

— טא נאך איין שאלה, דליה, און דו באקומסט נאך „מאסטיק“. די קליינע האט אויפגעשטעלט די אויערלעך.

— וואס איז דער אונטערשיד צווישן עשו און עשב?

— זה פשוט מאד, — האט זי מיר גלייך דערקלערט. — עשו, דאס איז דער נאמען פון יעקבס ברודער און עס שרייבט זיך עין, שין (סין), ו. און עשב, איז גרינע גראז וואס וואקסט אין גארטן, אין פעלד; און מען שרייבט עס מיט ע, ש, ב.

איך בין געווען טיף גערירט און ביז גאר איבעראשט פון דער תשובה וואס די בלאנדינקע, גראציעזע דאליא, האט מיר געגעבן.

ווי געווענלעך, ענדיקן זיך אזעלכע באגעגענישן מיט שיקן דאס קינד שלאפן ווען נאכט פאלט צו. און אט דא איז נאך עפּעס געשען: ווען דליה איז שוין געלעגן אין בעטל, האט זי זיך אפגערופן צו דער מוטער: אמא, דער אדון איז נאך דא אויף דער וועראנדע? איך האב אים פארגעסן צו זאגן דעם ניקוד צווישן עשו און עשב!

גייענדיק צוריק אויפן וועג קיין רמת־גן האב איך אויסגעשריגן:

איך, מיר, האבן א טאכטער.

און א פאלק ביי וועלכן עס וואקסן אויס אזעלכע טעכטערלעך ווי דליה — האט ניט מורא פארן טויט! און אזעלכע טעכטער האבן מיר נאר אין ישראל און ניט ערגעץ אנדערשוווּ.

רמת־גן, דעם 25־טן אויגוסט, 1951.

---

## אפרים טויבענהויז

# כאליאסטרע פון יונגע יידישע שרייבער, וואס זיינען צעשפרייט איבערן גאנצן לאנד, גרופירט אין „יונג ישראל"

ס'איז זיכער א וויכטיקער אויפטו אין מלכות פון דער יידישער יצירה, וואס ווערט ווייטער געשפונען אין מדינת ישראל. פארוואגלטע יידישע שרייבער, א סך פון זיי אזעלכע, וואס האבן זיך אפגעראטעוועט פונם היטלער גיהנום אין אייראפע, געפינען איצט א היים פאר זייער שאפן אין לאנד פון ישראל. די יונגע שרייבער צווישן זיי האבן זיך איצט גרופירט אין א גרופע „יונג ישראל" וואס דערמאנט אונז אן דער באוווסטער גרופע „יונג ווילנע", וואס האט א סך ביי געשטייערט פאר דער מאדערנער יידישער ליטעראטור אין דער תקופה פון צווישן די צוויי וועלט מלחמות.

עס קומט אויפן זכרון אויך די בארימטע „כאליאסטרע" אין ווארשע אין די צוואנציקער יארן. ווארשע איז דאן געווען פול מיט שרייבער וואס זיינען געקומען אהין פון פאדאליע אוקראינע, רוסלאנד, צווישן זיי דער בארימטער פרץ מארקיש און אורי צבי גרינבערג, וואס איז געקומען פון לעמבערג און אין ווארשע ארויסגעגעבן זיין ווערק „מעפיסטא" מיטן „אלבאטראס". די דאזיקע „יונגע" האבן דאן גערודערט אין פוילן און דער בעלעטריסט איטשע מאיר ווייסענבערג האט אפילו מיט זיי געפירט א קאמף פון זיין „אנטי־ליטוויציזם". טענה'נדיק אז די „ליטוואקעס" פארכאפן די יידישע ליטעראטור אין פוילן.

ביי אונז אין ישראל איז איצט נישטא קיין ווייסענבערג, אחוץ איינער א שרייבער פון די היגע, א קרעפטיק ברייט פלייציקער, ממש אן אטלעט; מיט א מאנגאליש פנים, וואס שרייט געוואלט אז „סוצקעווער דער ליטוואק האט פארכאפט „די גאלדענע קייט".



די נייע גרופע „יונג ישראל" רופט ארויס פרייד ביי יעדן וואס איז פאר־אינטערעסירט אין א פארשטארקטן גייסט פון דער יידישע יצירה אין ישראל. דא קומט פאט פאר אונזערע אויגן א ליבע באהעפטונג מיטן יידישן לשון, וואס ווערט דערהויבן אין לאנד פון אונזערע אבות. נאציאנאל־עטישע מאטיוון ווערן דא אין יידיש פארקניפּט און פארבונדן מיט ערד־מאטיוון. ס'איז זיכער דערפרייענדיק דער פאקט אז עס פארמירט איצט אינם געראנגל פארן שא־פערישן יידישן ווארט אין ישראל די יונגע ליטעראטור דא צו פארצייכענען איניקע שרייבער ווי ש. בערלינסקי, יואל מאסטבוים און אנד. וואס האבן אן אויג אויפצוכאפן די פארשיידענע ניואנסן פון היגן לעבן מיט נאטירלעכער סימפאטיע פארן הארעפּאשניק אין קיבוץ און אין דער קאלאניע.

די יידישע דיכטונג דא איז רייך מיט דיכטער מיט א פארנעם, עס פורעמט זיך א נייע דיכטונג מיט אן אייגענעם באנעם, נייע ריטמען און א נייער טאן. נ. ב. מינקאוו באמערקט ריכטיק אז די יידישע דיכטער פון ישראל וועלן אריינברענגען א נייעם ניואנס צו דער פילפארביקער יידישער ליטעראטור.

אויב א. סוצקעווער'ס „געהיימשטאדט" איז א דיכטערישער דאקומענט פון דער פארניכטונגס תקופה, וואס פלאקערט נאך אלץ פאר אונזערע אויגן מיט מארטיראלאגיע און מסירת נפש זיינען די נייע לידער, וואס שאפן זיך דא דורכגעדרונגען מיטן ריטם פון אוראלטן ישראל אין דער אלט נייער יידישער שפראך.

א גרופירונג ווי „יונג ווילנע" אמאל אין ווילנע און „יונג ישראל" איצט אין ישראל לאזט איבער שפורן פאר א לאנגער צייט. און דאס איז באטאנט געווארן אויף דער גרינדונגס פארזאמלונג וואס איז פארגעקומען לעצטנס פון די פארשידענע שרייבער, וואס גרופירן זיך אין דער גרופע פון יונג ישראל. זיי זיינען עלף אין צאל — דיכטער און פראזאאיקער. זיי וווינען אין פארשידענע ערטער אין לאנד: צבי אייזענמאן געפינט זיך אין קיבוץ יגור; ה. בנימין — אין ירושלים; פסח בינעצקי — אין קרית עמל; יאסל בירשטיין — אין קיבוץ גבת; משה גורין, ש. ווארזאגער — אין קרית באראכאוו; משה יונגמאן — אין סבעון; מענדל מאן — אין יאזור; אברהם רינצלער אין קרית מאצקין; אברהם קארפינאוויטש — אין גבעת רמב"ם. די איינציקע דיכטערין צווישן זיי איז רבקה באסמאן פון קיבוץ המעפיל.

יעדער איינער פון דער גרופע האט שוין הינטער זיך יארן פון ליטערא־רישן שאפן אין ליד אדער אין פראזע.

די גרינדונג פון דער גרופע „יונג ישראל" האט געקראגן אן אפקלאנג אין דער יידישער פרעסע דא אין לאנד. דער באקאנטער ליטעראטור קריטיקער יצחק פאנער גיט איבער די איינדרוקן וועגן דעם צוזאמענפאר אין איינעם פון די נומערן „ניי־וועלט". ער שטעלט זיך אויך אפ אויף דעם אופן ווי אזוי דער גרויסער עולם אין קיבוץ האט אויפגענומען דעם דאזיקן יום טוב. ער דער־ציילט וועגן דער שטילקייט, וואס האט געהערשט בעת די שרייבער האבן פאר־געלייענט פון זייערע שריפטן, וועגן די אפלאדיסמענטן, וואס האבן אלעמאל

אויסגעבראָכן נאָכדעם ווי יעדער איינער האָט פאַרענדיקט זיין לייענען. ער ברענגט אויך די באַגריסונג, וואָס איז געווען אָפגעדרוקט אין דעם טעגלעכן קיבוץ־בולעטין „יומן" אונטערן קעפל: „מיר געדענקען דיר דיין חסד נעורים".

מיר געדענקען דיר דיין חסד־נעורים, יידיש־לשון און זיין ליטעראַטור, וואָס איר זענט געגאַנגען נאָך די המונים פון הויז ישראל אין גלות פון מזרח און צענטראַל־אייראָפע אַ סך מער ווי בלויז 40 יאָר.

ביזט אונז ליב ווי אַ מאַמע־לשון און ווי אַ ליטעראַטור־שפּראַך, וואָס האָט אַרויסגעשפּראָצט פון די טיפענישן פון פשוטן פאָלק, צוליבן פאָלק. אַזוי ווי חסידות האָט נישט די יידישע ליטעראַטור אירס גלייכן וואָס שייך ליבשאַפט צום פשוטן מענטשן, ליבשאַפט צום יידן, שטיין אַלעמאָל אויף דער זייט פונם שוואַכן און געדריקטן, דעמאָקראַטישן גייסט און באַטאָנונג פונם סאָציאַלן מאָמענט. פון די מאָגערע העפטלעך פון אייזיק מאיר דיק ביז צו די פראַכטיקע פעליעטאָנען פון יידו״אַ, פון די גראַמען־לידער פון אליקום צונזער ביז צו דער דיכטונג פון ה. לייוויק — וואָסער וועג פון אנטוויקלונג אָט די ליטעראַטור האָט דורכגעמאַכט! און ביי דעם אַלעמען, אין אַלע אירע אנטוויקלונג־שטאַפּלען, איז זי נישט אַראָפּ פון איר פאָלקס־ליניע פון אהבת ישראל און אהבת־אדם (מענטש־ליבשאַפט).

יאָ, פון די חסידים זידלונגען פון די ליובאַוויטשער ביז דער נייער „יונג ישראל" גרופּע ציט זיך אַ גלייכע ליניע פון סטיל זוכעניש און פאַרבינדונג מיט דער מאַמע ערד, ס׳רוב מיטגלידער פון דער „יונג ישראל" גרופּע זיינען קיבוצניקעס, וואָס מאַכן דורך אין זייער לעבן דעם טיפן פּראָצעס פון אינערלעכער קריסטאַליזירונג פון באַהעפטן זיך מיטן ארץ ישראל באָדן.

אויב די צווייטע עליה האָט אונז געבראַכט אַ ריי שרייבער ווי י. ח. ברענער, דוד שמעונוביץ, ש. י. עגנון, ש. בן־ציון און אַנד. ברענגט אונז די איצטיקע עליה אויך אַ ריי שרייבער און דיכטער, וואָס זייער שאַפן פאַרמאָגט צאַפּלדיקע פרישקייט, און מיר ווילן האָפן אַז זיי וועלן דאָ ווייטער שפּינען דעם פאָדים פון דער יצירה אין יידיש, די שפּראַך וואָס דינט נאָך אַלץ ווי אַ בריק צווישן ישראל און אַלע לענדער, ווו יידן געפינען זיך.

---

## אליהו פאלושאק

# א סך הכל פון א קאנצערט

(אַביסל זעלבסט־קריטיק)

לאָמיר בכלל רעדן וועגן יידישע קאָנצערטן. אָרגאַניזאַציעס, פאַראיינען גרופּעס, וואָס שטייען נאָענט צו דער עקסטרעמער אָרטאָדאָקסיע: פרומע שולן און בתי מדרשים, ביי וועמען יידישע מאָדערנע ליטעראַטור, געזאַנג און פאַראַנשטאַלטן קאָנצערטן און טעאַטער־בענעפיטן נישט לשם קאָנצערט אָדער טעאַטער זענען טרפה־פסולע זאַכן, אָראַנזשירן קאָנצערטן, טעאַטער־פאַר־



שטעלונגען און „גאַרדן־פאַרטיס", ווען זיי ברויכן געלט. דאָס, וואָס איז טריף, ווערט געכשרט — דער צוועק הייליקט די מיטל.

איז עס טאַקע אַזוי, אַז דער צוועק קען הייליקן די מיטל? איז עס טאַקי אַזוי? עס קען זיין, אַז דער דורכשניטס־ייד באַטראַכט עס אַלס נאָרמאַל, ווען אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס, ווי דער קרן קימת אָדער „פאַראייניקטער פאַלעסטינע־פאָנד" אָראַנזשירט פאַר דער וועסט־ענד (אָדער אין דער וועסט־ענד) אַ ריזן־קאָנצערט מיט דער באַטייליקונג פון די גרעסטע ענגלישע סטאַרס און קאָמיקער. וועמענס פּראָגראַם איז פריי פון יעדן יידישן אינהאַלט און ניצוץ, חוץ אַ פאָר צווידייטיקע ביליקע וויצן, זשאַרגאָניזירט מיט אַ פאָר צעקאַליעטשעטע יידישע אָדער העברעאישע ווערטער. דער צוועק הייליקט די מיטל! אין דער פויזע מאַכט מען דערצו אַן אַפּיעל, וואָס ברענגט אויך אַריין געלט. און אַלץ איז על צד היותר טוב. ס׳איז אַ ברויט מיט אַ מעסער, אַ כשרער טאָפּ מיט אַ כשרן לעפל. אַזוי מיינט מען.

איז עס אָבער אַזוי? ניין, און ווען עס איז אַזוי, מוזן מיר איינמאָל קומען צום שכל און זאָגן, אַז ס׳איז אפשר אמת, אַז ס׳איז אַ ברויט מיט אַ מעסער, אָבער ס׳איז נישט קיין כשרער טאָפּ און נישט קיין כשר מאכל: נישט דער צוועק און נישט די מיטל קענען זיין הייליק, ווען מען נעמט אַן עדה פון אַפילו האַלב־אינטעליגענטע מענטשן און מען סערווירט זיי ביליקע אַלטע אָפגענוצטע געשמאַקלאָזע וויצן, אומזיניקע מעלאָדראַמאַטישע פּראָדוקציעס און רעפּראָדוקציעס אין ענגליש, יידיש אָדער טאַטעריש. ס׳איז נישט קיין חילוק.

פאַר אַ ליטעראַרישער אינסטיטוציע אָדער פאַריין גילט נישט די דעוויזע: דער צוועק הייליקט די מיטל. אַ ליטעראַרישער פאַריין ברויכט פאַר זיינע צילן און באַשטרעבונגען געלט, ווי יעדע אַנדערע אינסטיטוציע, אָבער זיינע קאָנצערטן און פאַראַנשטאַלטונגען מוזן זיין אָן פגימה, אומפאַרפעלשט, פריי פון קיטש, שונד, ביליקן דזשינגאָ־נאַציאָנאַליזם און סוראָגאַטן. אַ יידיש־ליטעראַרישע געזעלשאַפט ביי דעם לידער טרויריקן מצב פון יידיש־יידישער קולטור היינט מוז אין ערשטער ליניע זיך האַלטן אין דער אויסגעטרעטענעם טראַדיציאָנעלן וועג פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור, יידישן ליד, יידישן פאָלקלאָר, יידישן טעאַטער, פריי פון אַלע „גאַליציאַנער קאָובאָיעס". דאָס איז צוועק און ציל. דאָס מיטל, דער מעדיום דערצו איז יידיש־לשון. דערמיט הייסט נאָך נישט, אַז ענגליש ווערט אין גאַנצן געפסלט. ניין! ווען עמיצער גלייבט, אַז אין אַ באַשטימטער געגנט וועט מען מיט ענגליש אַלס שפּראַך־מעדיום קענען געווינען נייע פריינט פאַר יידיש־יידישער קולטור, זאָל ער עס טאָן. ער טאָר אָבער נישט פאַרגעסן, אַז דער אינהאַלט, דער תוך מוז זיין און בלייבן יידיש. דאָס, וואָס מען סערווירט דעם עולם, מוז האָבן אַ פנים. ניבול פה און אידיאָטיש־פאַרדרייטע וואָדעוויל און קאַבאַרעט־שטיקלעך פאַסן נישט דערצו.

אַפּראָפּאָ, ענגליש און יידיש. דאָס געמישטע (שוין צופיל געמישטע) פּראָגראַם פונם קאָנצערט אין דער אַנסאָן האָל אין קריקלווד, ווו אַ גאַנצע רייע

אַקטיאָרן, אַרטיסטן און זינגער האָבן זיך געהנדלט פאַרן פובליקום, האָט באַוויזן, אַז גראַד דעם גרעסטן דערפאָלג האָט געהאַט יידל גאָלדבערג (יוליאַן גאָלד) אין יידיש, כאָטש ער איז נישט אויפגעטרעטן אין אַ באַזונדערס פיין־אויסגעקליבענעם פּראָגראַם. נאָך 11 אַזייגער אין שפּעטן אָוונט האָט דאָס פובליקום פאַרלאַנגט נאָך און נאָך. ווען דאָס איז אַ שבת צו נאַכט, וואָלט יידל גאָלדבערג געמוזט אויספּאַקן זיין גאַנצן רעפּערטואַר ביז צום קרייען פון האָן.

און די לערע, וואָס מיר מוזן ציען פון דעם איז, אַז מען האָט אונדז אָפּגענאַרט, ווען מען האָט אונדז דערציילט, אַז אין די „הויכע" מקומות פון קריקלווד און גאָלדערס גרין מוז מען נאָר קומען מיט אַ שלעכטן ענגלישן פּראָגראַם. פון דעם פובליקום, וואָס איך האָב געזען אויף דעם קאָנצערט אין דער אַנסאָן האָל, דינסטאָג דעם 12־טן פעברואַר, האָב איך געווינען דעם איינדרוק, אַז זיי זיינען מבינים און ליבהאָבער פון אַ גוט יידיש וואָרט. מוז מען זיי געבן דאָס וואָס זיי ווילן. נאָך מער! מען מוז זיי געבן דאָס בעסטע, דעם ריינסטן אומפאַרפעלשטן יידיש אין וואָרט און ליד, אין פּאָעזיע, הומאָר און סאַטירע, אָן ניבול פה און אָן רינשטאָק־וויצן.

און אַז עס וועט זיך אַמאָל טרעפן, אַז אויף איינעם פון די קומענדיקע קאָנצערטן עס וועט אַנטייל נעמען אַ זינגערין פון ישראל, און זי וועט וועלן אויסטייטשן דעם מיין פון אירע לידער, זאָל זי זיך אויסלערנען דאָס צו טון אין אַ גוטן יידיש. עס וועט באַשטימט קלינגען עסטעטישער, ווי אין אַ פרעמדלענדישן קאַבצאָנסקער ענגליש . . .

דער קאָנצערט אין דער אַנסאָן־האָל איז געווען אַ פּראָביר, און לאָמיר ערלעך צוגעבן — אַ מאָראַליש נישט־געלונגענער פּראָביר. לאָמיר לערנען, אַז אָרגאַניזאַציע ווי „פריינט פון יידיש־לשון" מוז נאָכגיין אירע צילן אָן קאָמפּראָמיסן. דער צוועק הייליקט נישט די מיטל. דאָס איז אַ מיאוסע און שעדלעכע איינרעדעניש, וואָס פירט צו ירידה און גייסטיקער קאָרופּציע. (עס האָט שוין געפירט). לאָמיר לערנען פון באַגאַנגענע פעלער, אייגענע און פרעמדע. יידישע קאָנצערטן מוזן אויסדריקן יידישן אינהאַלט און אינערלעכקייט לויט דעם מוסטער פון די קאָנצערטן, וואָס „פריינט פון יידיש־לשון" האָט אַראַנזשירט אין די לעצטע יאָרן אין דער סטאָק־ניואינגטאָן טאַון האָל, אין „פּיפּלס פּעלעס" און „טאָינבי־האָל". לכל הפחות אַזוי, —בעסער איז נישט קיין שיעור.

---

## אנאנסירט אין דעם איינציקן יידישן זשורנאל אין ענגלאנד



# „שלשה עשר מי יודע"

(13 יאָר יידיש ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס)

I

אפילו דער גוזמאַדיקער בעל הגדה, וואָס ווייסט צו שטייגערן יעדע מכה אין די צעדליקער, און די „דיינוס" צו דערפירן ביז צו די אומענדלעכער „על אחת כמה וכמה", אָבער, ווען ער קומט צו די „מי יודע'ס", — וואָס אויף פּראָסט מאַמע לשון הייסט עס: מי יודע, וויפיל? עס האָט דאָך גאָר קיין שיעור נישט! — קאָן ער, דער בעל הגדה, ווייטער פון די צאָל 13 נישט גיין.

שלשה עשרה מי יודע! ווייטער נישט — „סטאָפּ!"

מען דערציילט, אַז אפילו דער קאָצקער, זכר צדיק לברכה, וואָס האָט שוין פאַר גאָר נישט מורא געהאַט — אפילו שוין נישט פאַרן „גנתקא" . . . אָבער אַז ס'איז געקומען דאָס 13־טע יאָר פון פירן זיין ראַביסטווע האָט ער מורא באַקומען און זיך אָפּגעשלאָסן; איז דאָך דער חוזה מלובלין, דער פּשיסכער, נסתלק געוואָרן אין 13־טן יאָר פון זייער פירן.

מיר אַפנים האָבן שוין נישט מורא אפילו פאַר נסתלק ווערן, — און גיי שליס דיך אָפּ אַז ס'איז נישטאָ פאַר וועמען! — אָדער מיר זיינען שוין אַזעלכע מאמינים בני מאמינים, אַז מיר פייפן שוין אפילו אויפן נומער 13 . . .

מיטן היינטיקן שבת הגדול, מיט דעם היינטיקן טראַדיציאָנעלן שבת נאָכמיטאָג לאָזט זיך אויס דאָס 13־טע יאָר פון אונזערע „יידיש ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס" — עס איז לייכט צו זאָגן עס לאָזט זיך אויס, עס איז נאָך גאַנצע 4 טעג ביזן שבת הגדול, און וואָס ס'קאָן אַלץ נישט געשען . . .

אָבער ווי געזאָגט מיר האָבן פאַר נומער 13 נישט קיין מורא און פאַרן מלאך מיט 1,000 אויגן אוודאי נישט. מיר האָבן אין די 13 יאָר געקעמפט מיט אַלע מיני טייוואָלים און משחיתים און זיי ביגעקומען.

און וויפיל מלאכים רעים, — וואָס קולטור איז פאַר זיי אַ „ביזנעסל", ליטעראַטור אַ רכילות! — ווילן נעבעך, אָדער מוזן זיך נעבעך מטריח זיין און אַרויפקומען האַלטן רעפעראַטן ביי די שבת נאָכמיטאָגס, ווייל ווו דען וועלן זיי געפינען אַ קהל פון 150 יידן וואָס וועלן זיך צוהערן צו זייערע „טיפזיניקייט" און נאָכזאָגן אמן . . . ווייל די געזעגנגע און ספּיטשעס וואָס פאַלן אַראָפּ פון די מלוה־מלכה־טישן קאָן דאָך נישט זאַט מאַכן אַ יידישע קישקע . . .

II

„לשון און לעבן", וואָס אָפיציעל אויפן שער־בלאַט גייט ער אויך שוין אַריין אינם 13־טן יאָרגאַנג, — דאָס מיינט אָבער, אַז די געוועזענע „ליריק־העפטלעך" האָבן אָנגעהויבן צו דערשיינען מיט 12 יאָר צוריק, בשעת דעם בליץ דאָ, בשעת וויטשעפּל איז נאָך געווען אַן עיר ואם בישראל, — אָבער „לשון און לעבן", ווי אַ זשורנאַל, מיט אַ שער־בלאַט, מיט אַ רעדאַקטאָר, מיט מיטאַרבעטער, גייט ערשט אַריין מיטן היינטיקן אַפּריל־נומער אינם 7־טן יאָר פון זיין דערשיינען.

איז טקע די מורא פאַרן נומער 13 לגמרי נישט חל אויף אונזער זשורנאַל. אָבער אַז ס'זאָל, סתם, קומען אַן אויסכאַפּעניש אויף אים איז, רחמנא ליצלן,

נישט אויסגעשלאָסן. אַ סך באַמיען זיך אין דעם, אַזש ס׳גייט זיי אין לעבן . . .

און דאָס ערגסטע דערפון, וואָס דער טויט, חלילה, וועט זיין אַ נאַטירלעכער! ווייל קיין חי נושא את עצמו איז דער זשורנאַל די לעצטע צייט שוין לאַנג נישט — — די העפטלעך זיינען עס תמיד געווען, ווייל זיי האָבן עקזיסטירט אינגאַנצן פונם פאַרקויף אויף די פאַרזאַמלונגען, און נישט אָנגעוויזן געווען, אַז דער חשובער אַבאָנענט זאָל זיך דערמאָנען און זיך מטריח זיין און צושיקן דעם אָפּצאָל פאַרן גאַנצן יאָר — ס׳רוב פון די יידישע לעזער זיינען נאָך נישט דערצויגן געוואָרן צומאָל צו דעם . . .

די אַבאָנענטן האָבן זיך קיינמאָל נישט געאיילט מיטן יערלעכן איינצאָל און דער פאַרקויף אויף די פאַרזאַמלונגען ווערט אויך שוואַכער פון חודש צו חודש. די קריטישע לאַגע דאָ אין לאַנד און ביי די יידישע פאַכן איז אַזוי אַז מען רעכנט זיך שוין מיט 18 פּענעס ביים קויפן יידישע ליטעראַטור.

סובסידיעס ווידער, פון וועלכע ס׳איז אינסטיטוציעס, האָבן מיר קיינמאָל ניט געזוכט און די אַזוי צו זאָגן מעצענאַטן־אַנאָנסן ווערן קלענער און פאַרקירצט.

און עס איז דאָך נאַטירלעך ביי דער שטימונג פון די כל ערליי רעדאַקטוירעמלעך און אַפּיל־מאַכערס און סתם שוואַרצע קעץ קריכער, אַז די „שאַנסן" פאַר יידיש גייט אַלץ מטה מטה.

און איצט אַ פּאָר ווערטער, נישט פונם רעדאַקטאָר בכבודו ובעצמו, נאָר פונם העפטל־פאַרקויפער. וואָס ער האַלט עס פאַר אַ גרויסן כבוד עס צו זיין, מער ווי רעדאַקטאָר און לידער־שרייבער (די לעצטע צוויי האָבן זיך לעצטנס אַ סך אויסגעלערנט צו זיין, אָבער אַ העפטל פאַרקויפער קיינער נישט. ווייל עס איז מסתמא דאָס שווערסטע...)

ביז פאַר די לעצטע חדשים, איז געדעקט געוואָרן כמעט אַ העלפט פון די אויסגאַבן פון „לשון און לעבן", פונם פאַרקויף פונם זשורנאַל אויף די פאַרזאַמלונגען; אָבער לעצטנס — און עס איז נישט נאָר די קריטישע לאַגע! — זיינען אַ סך שטערונגען געקומען, וואָס מאַכן עס אַלץ שווערער און שווערער און מיר זיינען איצט כמעט אָנגעוויזן נאָר אויף די אַבאָנענטן. און דער נויטיקער בודזשעט ווערט אַלץ שמעלער און שמעלער — עס ציט שוין דעם האַלז צו!...

III

און באמת, ווען מיר האָבן אָנגעהויבן מיט „לשון און לעבן" איז דער „קיום" אין פּאַריז נאָך נישט דערשינען, „די גאָלדענע קייט" אין תל אביב אויך נישט — איז אונזער פּיצעלע זשורנאַל אויך געווען אַ שטיקל יש פאַר די אומשטערבלעכקייט זיכער . . . פאַר די גרויסע שרייבער מכל המינים און פאַר די קלענערע מיט גרויסע אַמביציעס אוודאי און אוודאי . . . אָבער איצט איז, מילא — עס זיינען פאַראַן בילכערע זאַכן ווי אַ זשורנאַל אין ווייטשעפּל! האָט זיך עפּעס איינער גענומען אַ מאַנקאָליע אין קאָפּ אַריין, זאָל ער זיך מוטשן נאָך אַ חודש, נאָך אַ חודש . . .

איז דאָך אַקאָרשט געווען אַ סימפּאָזיום איינגעאָרדנט פונם „יידישן וועלט קאָנגרעס" און אַלע רעדנער האָבן בפה אחד מסכים געווען, אַז יידיש ברויך



מען נישט צו קוראַזשירן . . .

זעט איר מיטן נומער 13 קאָן מען קעמפן! אָבער מיט קולטורלאָזיקייט, מיט צביעות, מיט פיקס־אידעאַליסטן, מיט פיקס־אידייען, מיט באַהאַלטענער קריכערישער אַסימילאַציע — מיט רעלידזשען־ און יודאַאיזם־טעלער־לעקער?

אָבער מיט די פּאָר געשווירענע מענטשן אונזערע, די יחידי סגולה, — וואָס קוקן שוין דעם טיוול אין די אויגן אַריין! — וועלן שוין די יידישע ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס אָנגיין צי מאָנכע ווילן עס יאָ צי נישט, צי מאָנכע לוינט זיך יאָ צי נישט —

מען וועט שוין לייענען אַלע שבת פּרצן, מענדעלע, שלום עליכם, רייזינען און אַשן, פּינסקין, בערגעלסאָנען, אַפּאַטאָשו און אַלע אונזערע דיכטער —

די אַנטענע־ווייטשעפּל, — וועלכע 13! וועט זיך שוין נישט אויפהערן וויקלען איבער קיילעך ערד, מיטן יידישן וואָרט, מיטן יידישן ליד — — — —

און „מי יודע" — און דווקא יידישלעך פאַרטייטשט און אַלעמען אויף צופיקעניש! — ווער ווייסט ווי לאַנג דער זשורנאַל „לשון און לעבן" וועט דווקא יאָ דערשיינען — — און לעבן און בלייבן אומשטערבלעך! . . .

און איז דען נישט יעדער נומער וואָס דערשיינט אַ נס! עס איז טאַקע אין סומכין על הנסים — דאָס איז אַלץ געזאָגט געוואָרן אַז מען האָט אַ ברירה — — — — — — — — — — — — — — —

ש.

## לאָנדאָנער ידיעות

דער באַקאַנטער לאָנדאָנער פּאָעט ס. פּאַלמע איז נאָך אַ שווערער אָפּעראַציע געשטאָרבן אין יידישן שפּיטאָל און געקומען צו קבורה דעם 21־טן מערץ אויפן בית עולם מאַרלאָ רויד.

• • •

די באַוווסטע יידישע שרייבערין אסתר קרייטמאַן געפינט זיך אין אַ לאָנדאָנער שפּיטאָל. מיר ווינטשן איר אַ רפואה שלימה.

• • •

דר. יעקב י. מייטליס, דער גוט באַקאַנטער פּובליציסט, איז נאָמינירט געוואָרן פאַר איראָפּעישן דירעקטאָר פונם קרן קימת לישראל.

• • •

דער דערציילער און שרייבער י. ח. קלינגער איז אויף אַ באַזוך דאָ אין לאָנדאָן. אויף אַן אָוונט פון „פריינט פון יידיש לשון" האָט ער געהאַלטן אַ רעפעראַט: שאָטן און וואַסער אין ישראל.

• • •

אויפן וואָרט־קאָנצערט פון אליהו גאָלדענבערג, וואָס פריינט פון יידיש לשון האָט איינגעאָרדנט, און איז אַדורך מיט גרויס דערפאָלג, האָט דער ישראל קאָנסול באַגריסט דעם קינסטלער אויף העברעאיש.

• • •

די „פּאַראייניקט סאָציאַליסטישע גרופּע אין לאָנדאָן" האָט איינגעאָרדנט אין אַרבעטער רינג אַ דיסקוסיע איבער סאָוויעט רוסלאַנד. די הויפּט רעדנער זיינען געווען מ. מינדל און ע. ו. פּאָדאָלסקי.

דער אַדמיניסטראַטאָר פון „פאָרווערטס“, אַדאָלף העלד, האָט אויף זיין דורכרייזע געווײלט איניקע טעג אין לאָנדאָן.

• • •

בערטע גערסטן האָט מיט גרויס דערפאָלג אויפגעפירט אין „גרענד פּאַלעי“ דעם „פרעמדן“ פון י. גאָרדין.

• • •

סעם גאָלדבערג און אַלין ווינאָגראַד האָבן אָפּגעהאַלטן צוויי פאָלקס קאָנצערטן מיט גרויס דערפאָלג אין דער וועסט ענד.

• • •

י. ח. קלינגער גרייט צום דרוק אַ בוך רעפּאָרטאַזשן איבער ישראל.

• • •

שמואל וװהייט גרייט צום דרוק זיין סאַטירישע פּאָעמע „פּאַמאַכעט אַ כעלעמער פּאָעט“.

• • •

רבי יהושע שפּעטמאַן האָט אַרויסגעלזט אַ בראָשור „לכבוד פסח“.

• • •

די באַקאַנטע שרייבערין מ. נ. סידאָ האָט געהאַלטן אַ גייסטרייכן רעפעראַט ביי „פריינט פון יידיש לשון“ אויף דער טעמא: ליידן פון שאַפן.

• •

דער אָוונט לכבוד דעם שרייבער י. א. ליסקי אין דער אַרט־גאַלערי אין ווייטשעפל איז אַדורך מיט גרויס דערפאָלג.

• • •

אליהו פאַלושאַקס פאָרטראַג אינם וועסט ענד בראַנטש פונם אַרבעטער־רינג איז אַדורך מיט דערפאָלג און אַן אָנהויב פאַר ווייטערע קולטור־אַרבעט אינם וועסט ענד פון לאָנדאָן.

• • •

איבער משה עובד׳ס בוך, „וויזיאָנען און איידלשטיינער“, וואָס איז אַרויס לעצטנס אין דער ענגלישער איבערזעצונג, האָט זיך די ענגלישע פּרעסע זייער וואַרעם אָפּגערופן. דאָס בוך דערשיינט אויך בקרוב אין העברעאיש איבערזעצט פון אביגדור המאירי אין ישראל.

• • •

דער שרייבער און פּעדאַגאָג מיכאל זילבערבערג וועט דעם 19־טן אַפּריל, אין טאָג פון וואַרשעווער געטאָ אויפשטאַנד, ריידן אין לאָנדאָנער ב.ב.ס. איבערן וואַרשעווער אויפשטאַנד.

• • •

דער דיכטער יעקב גלאַנץ, פון דרום־אַמעריקע, ווײלט איצט דאָ אין לאָנדאָן.

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת-נאָכמיטאָגס

(אין בערנאַרד־באַראָן סעטלמענט, 33 בערנער סטריט, א.1. — 3 אַ זייגער)

**שבת**, דעם 4־טן אַפּריל, דער טראַדיציאָנעלער שבת הגדול נאָכמיטאָג. עס װעלן זיך באַטייליקן איזיק גאָלדבערג, נעט רובין און א. בלום.

**שבת**, דעם 11־טן —די טראַדיציאָנעלע פּרץ יאָרצייט פייערונג. עס וועלן פאָרלעזן איזיק גאָלדבערג, י. ביעטש, נעט רובין, רחל מירסקי א.א.

**שבת**, דעם 19־טן — געווידמעט דעם וואַרשעווער געטאָ אויפשטאַנד. פאָרלעזונגען פונם שאַפן פון די דיכטער קדושים.

**שבת**, דעם 26־טן וועט מיכאל זילבערבערג האַלטן אַ פאָרטראָג איבערן קולטורעלן און געזעלשאַפטלעכן לעבן פון די יידן אין דרום־אַפריקע.



---

**פריינט פון יידיש לשון** (וועסט ענד בראַנטש)

**ערשטער ליטעראַרישער נאָכמיטאָג**

**חוהמ״פ**, זונטיק, דעם 13־טן אַפּריל, 5 אַזייגער אין אָוונט

אין גרויסן האַל, **21 דיען סטריט, וו.1**

**א וואָרט קאָנצערט**

עס װעלן זיך באַטייליקן די באַוווּסטע ישראל קינסטלער

**טובה פּיראַן** און **אליה גאָלדענבערג**;

דער באַליבטער אַקטיאָר **יידל גאָלדבערג** און **נעט רובין**.

עס װעלן ריידן: **א. נ. שטענצל, אליהו פאַלושאַק** און **י. ל. פיין**.

אַריינגאַנג 2 שילינג.

---

**דער לעצטער חסד של אמת**

אונזער פריינט **אברהם מאַסקווער** האָט געשטעלט אַ מצבה נאָך זיין פאַרשטאָרבענער פרוי **מאַניא**. מיר ווינטשן אים און זיין משפחה פון קיין צער נישט מער צו וויסן.

פריינט פון יידיש לשון.

---

סוף חודש זונטאָגס

**בן אורי**, 14 פאָרטמען סטריט, וו.1.

**זונטאָג, דעם 27־טן אפריל**, 8 אַזייגער

**י. ביעטש וועט פאָרליינען פון זיין בוך „שיידוועגן“**

עס באַטייליקן זיך נאָך אליהו פאַלושאַק און נעט רובין

פאָרזיץ: א. נ. שטענצל.

---

**רבי עזריאל תרשיש**, דער איידעם פון **הרב יהושע שפּעטמאַן**, איז אויפגענומען געוואָרן אַלס רבי און דרשן אין וויין־קאָורט שול, ווייטשעפל, א.1.

---

אונזער פריינט **אברהם שפּיזמאַן** און **פרוי** אויף זייער לוסטרייזע צו זייערע קינדער קיין אַמעריקע ווינטשן מיר אַ מזלדיקן וועג.

„פריינט פון יידיש לשון“.

146

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור.


נומער 5 (העפט 148) דרייצנטער יארגאנג מאי 1952 לאנדאן

רעדאקטירט פון א. נ. שטענצל


אינהאלט


פיר יאר מדינת ישראל, יום העצמאות ........................ ** 1
געדאנקען וועגן א טרויעריקער יארצייט ......... דר. יעקב י. מייטליס 3
טאטע־לשון, מאמע־לשון און שטאמעל־לשון (ליד) ......... משה עובד 6
מיר די רעשטלעך אין אייראפע (ליד) ............. י. וו. פאדאלסקי 7
די מחלל־שבתניצע (דערציילונג) .................. ישראל ואגנוויל 8
דו און מיר קענסט ווייטער שוועבן... (ליד) ............. י. ה. לעווי 13
וועגן יידן און יידישקייט אין ישראל (עסיי) ............. א. שולמאן 14
ביים טייכל, פאר דער מערה פון רבי שמעון בן יוחאי א.א. לידער
א. נ. שטענצל 19
מיט די בליקן צום הר גריזים ........................ י. ת. קלינגער 22
מיין שטעטל מיין שטאט (רעצענזיע) ................. אליהו פאלושאק 25
ביים טויטן־בעט פון ס. פאלמע ......................... א. מייזעלס 30
1) די ווארשעווער געטא־פייערונג ביי פ.פ.י.ל., 2) פריינט פון יידיש
לשון וועסט ענד בראנטש ..................................ש. 31
די קומענדיקע שבת נאכמיטאגס ................................ 32


**פרייז 1 שילינג און 6 פענס**

**אבאנענט־פרייז — 19/6 פאר א יאר**

**אין אויסלאנד — 5 דאלאר א יאר**


*By Appointment, Dealer in Antiques to H.M. Queen Mary*

## CAMEO CORNER

has a great demand for old jewels (for Home and Export Trade) and is in a position to give good prices for valuable Gems and jewels of every kind.

**26 MUSEUM STREET, LONDON, W.C.1**

*Museum* 0401

CLOSED ALL DAY SATURDAYS

## LEYTON KNITWEAR CO. LTD.

*MANUFACTURERS OF KNITTED GOODS & SPORTSWEAR*

**IMPORT - - EXPORT**

**518 Lea Bridge Road - Leyton, London, E.10**

Telephone: STAmford Hill 2338

## IDEAL TRIMMINGS LTD.

**Manufacturers of Shoulder Pads and Fancy Goods**

*Prompt Deliveries*

**118-120 CLAPTON COMMON, LONDON, E.5**


**וויכטיק פאר יידישע** צייטונגען, זשורנאלן שרייבער און מחברים — מערק אייך אונזער נייע אדרעס: „לשון און לעבן“, 17 דעלאמארע בילדינג, לאנדאן, א.1.


*Published and Edited by* A. N. Stencl, 17 *Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press,* 129-131 *Cavell Sreet, London, E.1*